STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05019

# MAYN YIDISH

Rachel Boymvol

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Frederick Goldman*
*in honor of*
*Amanda Tomao*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Meyer Dwass

**רחל בוימוואָל**

# מײַן ייִדיש

רחל בוימוואַל

# מײַן ייִדיש

הילע: י. רייזמאַן

אַרויסגעגעבן דורך דעם
ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ־ליטעראַטור־פֿאָנד
ביי דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים

תל־אביב, תשמ״ח — 1988

RACHEL BAUMWOL

# MAIN YIDDISH

Cover by J. Reizman

*Published by Dr. Shmuel and Rivka Hurwich Fund
of the Yiddish Culture Association of Jerusalem*

©
Copyright by Rachel Baumwol

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ברנר 14, תל־אביב, ישראל
I. L. Peretz Publishing House
14, Brener St., Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל תשמ״ח
Printed in Israel 1988

דפוס ״שמגר 1986״, ת״א

# אינהאַלט

## די אַנדערשקייט אַט די טשיקאַווע

ביי יעדן מענטשן 9
די אַנדערשקייט אַט די טשיקאַווע 10
די טערקישע שאַל 11
מיינע יידן 13
אַ גאָון 14
אַט בין איך שטאַרק 15
דרייען 16
איך דערזע 17
מיין שכנה סאַשע 18
מע וואַרט אויפן דריטן 20
מיין שכנהס שירעם 21
אַ שמועס 22
דער טאַקטישער 23
דעם גוטן מענטשן 24
ווי טויבן צוויי 25
נייט מיך ניט, מענטשן 26
אַ יום-טובדיק פאַלק 27
ניי און אַלט 29
שיין 30
יום-טובדיקער אינדערוואַכן 31
בענקעניש 32
דיין האַנטשריפט 33
דיין „מבול" 35
דער מאַלער און דער בעל-עגלה 36
צום פויגל 41

## דורך צײַט

אַן אייזליכטל ברעכט אָפּ 45
דער וואַרעמער ווינט 46
פון דעמב די ניסלעך 47
דער האָן קרייט 48
זיידענע קליידער 49
פאַרגעפיל 50
דאָס יאָר דריי און דרייסיק 51
מער אין פירן וועלן מיר ניט זינגען 52
די הוט 53
קיין סימן 54
צום זייגער 56
מיין מאַמעס גורל 57
צו אונדזער זון 58
ניט געזעטיקט 60
מיין מאַמע 61
מיין מאַמעס אַלטקייט 62
אַן אייניקל 63
פון אַלע די "ניטן" 64
איך און מיין פרייד 65
די צייט 66
אויף קבר-אָבות 67
געדענקען 69
געקניפּט און געבונדן 71
עס האָט דאָך געפעלט אַ הערעלע 72
צום לאַנד ישראל 74
פאַלק און ציון 75
אַ קורצער זכּרון 76

## אַ ניסל פון אַ ציפּרעסבוים

דער מאַנדלבוים 79
ווען די זון האָט גענומען פאַרגיין 80
און נאָר זיינע וואָרצלען 81
אַ ניסל פון אַ ציפּרעסבוים 82
אויף אַ צווייגל-גאָפּעלע 83
חמסין 84
איך בין אַ געוויקס 85
איך און דער בוים 86
נעמט אַוועק 87
דאָס שטיינדעלע 88
נאָר אַזוי 90
שיטפון 92
נאַכטשפּאַציר 93
עס טאָגט 95
צום פייגעלע הינטער מיין פענצטער 96
ווי הייסטו, פייגעלע? 97
איך שפּאַציר 98
כ'באַפריי זיך 99

סוף זומער 100

## אויף דער שאַרף פונעם מעסער

אין אַסיענפעלד 103
אויף דער שאַרף פונעם מעסער 104
אין ווי און מוט פון דיין געמיט 105
פונקט ווי ביי אַנדערסענען 107
דער מישפּט 108
אין וואַלד 110
דאָס אינדזועלע 111
איך לייג אויס צום גוטן 112
משוגעת 113
צוויי הערצער 114
מיין מאַמע שווייגט 115
אויסוואַל 116
ביימער קאָנען ווערן פידלען 117
דאָס יינגעלע 118
טקס 119
צו די קדושים 120
נאָקטורן 122
צוועלפטער אויגוסט 123
דאַטעס 124
פּאַטערלאַנד 125
אַזאַ נאַכט 126
פּאַרנעמען טיפער, שלייפן בעסער 128
וועגן אַ צוגעשיקטן בוך 129
צו איינעם אַ דיכטער 131
רעקוויעם 132
צום קוואַל 133

## מיטן כּוח פון דמיון

אין איינעם אַ שיינעם טאָג 137
וויינטרויבן 139
מיטן כּוח פון דמיון 140
די וועלט איז שלאַפלאָז 142
ווייסע פערזן 144
דער באַרג 146
זייער אַש 147
ווינטערנאַכט 149
און לאַנג אַזוי 151
מיר חלומט זיך 152
דער בריוון־טרעגער 153
אַמיל־אַמאָל 154
רו 155
וועלט־אונטערגאַנג 156
קורצע אייביקייט 157
ווען ס'זעט ניט קיינער 158
איך הער זיך צו 159
ביי דעם שרייבטיש 160
כ'וואָלט וועלן אויסבויען אַ ליד 162
אַ שמועס מיט דעם סטאָליער 163
פון טאַטנס צד (פּאָעמע) 164

## אַ קעפּל קרויט

קיין זאַך גייט ניט פאַרפאַלן 173
דער מים 174
גערעטעניש 175
צו ביסלעך 176
שטילקייט 177
טרעפ 178
אין אַ פרייען טאָג 179
קינדעריי 180
מיינע שיך 181
דער ווינטער־מאַנטל 182
ציטונג־בלעטער 183
וואַסער וואָרט 184
מיר ווילט זיך ניט שרייבן 185
שטאָטבילדל 187
אַ קעפּל קרויט 188
ביבער־טרערן 189
ווי... 190
וועגן גראַמען 191
דער קראָקאָדיל ביי יידן 192
שפּעט אַצינד 193
איך גיי אַוועק אַליין 195
אומשטערבלעכקייט 196
אויף איין גראַם 197
מיין יידיש 198

## אַמאַנימען און אַפּאָריזמען

אַמאַנימען 201
אַפּאָריזמען 203

# די אַנדערשקייט אָט די טשיקאַווע

## בײַ יעדן מענטשן

בײַ יעדן מענטשן — כ'ווייס עס גוט אַצינד ! —
זיצט טיף אין האַרצן אַ פֿאַרבענקטעס קינד.

ווען ער איז יונג, ער ווייסט נאָך, ער געדענקט
פֿון יענעם קינד אין אים וואָס איז פֿאַרבענקט.

נאָר ס'ווערט דער מענטש פֿאַראומערט און פֿאַרשוואַרצט,
דאָס קינד איז איצט — אַ שטיפֿקינד אין זײַן האַרץ.

ער הערט עס ניט, ער דאַרף עס שוין ניט מער.
די ריינע קינדערישקייט ווערט אים שווער.

דאָך קומט אַ רגע ווי אַ פֿרישער ווינט —
דער מענטש דערהערט ווי ס'וויינט אין אים דאָס קינד,

דאָס גוטע קינד, דאָס בעסטע וואָס ער האָט
פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר אַלעמען, פֿאַר גאָט.

1984

## די אַנדערשקייט אָט די טשיקאַווע

איך האָב ליב ניט נאָרביימער און הימל און שטערן,
איך האָב ליב די טאָג־טעגלעכקייט דווקא
ביז וווייטיק, ביז טרערן. —
דעם ריח, די פאַרבן פון גרינסן,
דעם הונטס אַזאַ פריילעכן האַווקע,
דאָס ווײַסע פּאַפּיר אָן אַ פּגם אָן אַ מינדסטן,
דאָס בוכטשען פון האַמער,
פון שלײַפשטיין די שפּריציקע פונקען,
הײַנט דער פאַרגעניגן — אין אַלצדינג די אויגן צו טונקען!
די אויסערגעוויינלעכע פעיִקייט
פון אונדזערע חושים און גלידער,
וואָס גיט זיך אונדז איבער אומזיסט בירושה
אַלץ ווידער און ווידער,
די אַנדערשקייט אָט די טשיקאַווע
פון יעטווידער חפץ און חומר —
דאָס אַלץ צו פאַרנעמען —
קיין גרעסערע פרייד איז ניטאָ מער!

1986

## די טערקישע שאַל

דער גאָלדענער דיכטער, דער נאָבעלער האַלקין
פון ריינסטן התפעלות דעם סוד האָט געוווסט.
אין יעטווידער פרוי פלעגט ער זען אַ בת־מלכה,
פאַר יעדן שלימזל געפינען אַ זכות.

זײַן שטוב איז געווען פאַר אַלעמען אָפן.
זײַן טיש איז געווען פאַר יעדן געגרייט.
אַ שלעפעריקן פלעגט ער אײַנלייגן שלאָפן,
און אָפגעריסענעם — געבן אַ קלייד.

ער פלעגט אַזוי גערן געפינען אַ מעלה!
(וואָס האָט זיך אַ מאָל אים ניט מער ווי געדאַכט),
און גלײַך זיך באַגײַסטערן: — וואַרט נאָר אַ ווײַלע,
עס איז דאָך באמת אַ זעלטענע זאַך!

געטראָפן אַ ייִדענע עפּעס אַן אַלטע
(אַרײַנזאָגן יעדן פלעגט זי אין דער גאַל),
ער האָט לעבן איר זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן.
עס איז אים געפעלן... איר טערקישע שאַל.

דערזען אויף זײַן פּנים דעם שמייכל דעם ליבן,
איז יענע געוואָרן אַן אַנדער גאָר מענטש.
— ס׳געפעלט אײַך? דאָס איז פון מײַן מאַמען פאַרבליבן...
און האָט אים אין וועג מיט אַ ברכה געבענטשט.

מיר איז נאָך ביז הײַנט ניט אַרויס פֿונעם זינען,
עס האָט וואָס צו זאָגן דער דאָזיקער פֿאַל.
אויב קענסטו פֿאַר איינעם קיין זכות ניט געפֿינען,
דערפֿרײ אים און לויב כאָטש זײַן טערקישע שאַל...

1985

## מײַנע ייִדן

מײַנע ייִדן זײַנען ניט צופרידן.
מײַנע ייִדן ליאַרעמען און זידן:
אַלץ איז שלעכט, און ס׳וועט ניט ווערן בעסער. —
אויפן זאַמד געבויט זײַנען די שלעסער.
וויינען ייִדן, קריגן זיך און לאַכן,
טוען נאַרישע און קלוגע זאַכן.

מײַנע ייִדן — ס׳טרעפט מיט זיי פאַרשידן.
אין איין רגע ווערן זיי צופרידן:
ס׳איז שוין גוט, און ווערן וועט נאָך בעסער —
ס׳האַלטן זיך אויף מידבר־זאַמד די שלעסער!

טשעפּעט זיך ניט, פעלקער, צו די ייִדן —
אָט דעם פאָלק געליטענעם און מידן!
איר וואָלט זײַן אין זייער הויט, וואָלט איר געוויס
מענטשן וואַרפן פון די פיס!

1986

## אַ גאון

אפשר גייען זיי צום גוטן,
די מינוטן און די שעהען,
אפשר גראָד אין די מינוטן
ווערט געבוירן אונדז אַ גאון?

אָדער אפשר שרײַבט ער איצטער —
פלאַם און פײַער שפּריצט זײַן פּען,
איבער זײַנע כּתבים זיצט ער,
און דער נס ווערט באַלד געשען?

ווי אַזוי געדולד געפינען,
שטאַרק זײַן, שטאַרקער זײַן פון אײַזן? —
אַט די גרויקייט מוז צערינען,
ס'מוז זיך פּאָרט אַ גאון ווײַזן!

1984

♦

אָט בין איך שטאַרק
און אָט בין איך שוואַך —
ס׳איז צוליב דעם מיר ניט נייטיק קיין סך.

טייל מאָל גענוג איז
אַ ווונק, צי אַ זאָג,
האַסטיק זאָל פאַלן דאָס צינגל פון וואָג...

אָט בין איך שוואַך
און אָט בין איך שטאַרק —
כ׳וואַלגער אַרויף זיך אַ באַרג אויפן קאַרק.

אָבער אַ צווייט מאָל פון עפּעס אַ שנעק
ברעך איך זיך איַין,
פאַל איך אַוועק...

ווייס איך ניט, שטאַרק בין איך
אָדער כ׳בין שוואַך —
האָט איר געזען שוין אַ מאָל אַזאַ זאַך?!

1985

## דרייַען

דער פֿאַרליבטער זינגט צו דעם בוים אַ לויב.
עס קריכט אויפֿן בוים דאָס קינד.
דער אַלטער דעם בוים דאַרף הינטערן שויב —
צו זען, צי ס׳איז דאָ אַ ווינט.

דער פֿאַרליבטער טרעפֿט די זון מיט געזאַנג.
דאָס קינד אויף דער זון לויפֿט אַרום.
דער אַלטער קרעכצט בעת איר אונטערגאַנג,
און זיפֿצט אָפּ ווען צוריק זי קומט.

דער פֿאַרליבטער זאָגט אַז די וועלט איז שיין.
דער אַלטער האַלט — זי איז שלעכט.
דאָס קינד פּרוּווט ניט די וועלט פֿאַרשטיין,
און איז אין גאַנצן גערעכט!

1984

# איך דערזע

עס שײַנט די זון און שילדן בליצן,
און מענטשן גייען, שטייען, זיצן...
די קליידער זייערע די בונטע,
די ברווינע לײַבער די געזונטע,
די קינדער וואָס מיט אימפּעט יאָגן...
נאָר איך — איך בין אין זיך פאַרטראָגן.
וווהין איך גיי ניט און איך פאָר ניט,
איך זע דאָס אַלץ, און זע דאָס גאָרניט...

נאָר ווער איז יענער מיטן שטעקן,
וואָס פאָכט מיט אים איןביידע עקן ?
ער איז לחלוטין ניט קיין אַלטער.
דעם קאָפּ אַ ביסל מאָדנע האַלט ער...
אוי וויי, עס איז דער מענטש אַ בלינדער !

...און מיט אַ מאָל כ׳דערזע די קינדער,
די זון, די שילדן וועלכע בליצן,
די מענטשן וואָס אין סעדל זיצן —
איך טרינק די זאַפטיקע קאָלירן,
קיין טראָפּעלע ניט צו פאַרלירן.

1983

## מײַן שכנה סאָשע

מײַן שכנה סאָשע איז געשטאָרבן
אין קיך בײַם טיש אין חודש שבט.
זי האָט קיין פרײַנד דאָ ניט דערוואָרבן,
און אויך קיין שׂונאים ניט געהאַט.

אַ טיר צעווישן אַלע טירן
אין דעם זעקס־גאָרנדיקן הויז
פלעגט צו דער אַלטער סאָשען פירן
זינט פופצן יאָר. און הײַנט איז אויס!

זי פלעגט אַלץ טענהן אַ צעקאָכטע,
אויף דער "סאָוועטסקער וולאַסט" אין כּעס:
"זיי לאָזן ניט אַרויס מײַן טאָכטער
צו מיר פון דווינסק, באַטשבי צו גאַסט"...

די אַלטיטשקע פלעגט יעדן פרײַטיק
זיך אײַנהאַנדלען די "לעצטע נײַעס" —
געלייענט דעם ראָמאַן אין צײַטונג —
איר שטענדיקע נשמה־שפּײַז.

פלעגט קויפן אויפן מאַרק אַ פישל,
אַ ביסל גרינס, אַ וואָרצל כריין,
און בײַ דעם ווײַס־געדעקטן טישל
געפּראַוועט שבת איין אַליין.

און פריַיטיק אָוונט, ווי איר שטייגער,
מיר אָנקלאַפּן און פרעגן מיך,
צי ריכטיק וויַיזט ביַי איר דער זייגער,
צי איז ניט צײַט צו צינדן ליכט.

אַ טיר צעווישן אַלע טירן
אין דעם זעקס־גאָרנדיקן הויז
פלעגט צו דער אַלטער סאָשען פירן
זינט פופצן יאָר. און היַינט איז אויס...

1986

## מע וואַרט אויפֿן דריטן

זיי גייען. זיי זײַנען געקניפּט און געבונדן.
זיי האָבן אַליין זייער מזל דערפֿונדן.
מע קוקט אין די אויגן איינער דעם צווייטן.
דער דריטער נאָך דרעמלט אויף אַלעם גרייטן.

און נאָר וועגן דריטן די צווייען זיי טראַכטן,
ווי וועגן אַן אוצר פֿון הימל געבראַכטן.
דער דריטער דערווײַל איז נאָך אויף דער וועלט נישט —
מיט טאַטע־מאַמע ער שפּילט אין באַהעלטעניש...

1986

## מײַן שכנהס שירעם

ס'מעג רײַן זײַן דער הימל און שײַנען די זון —
מײַן שכנה, זי וויל גאָר ניט וויסן דערפֿון.

צי דאַרף מען עס יאָ, צי דאַרף מען עס ניט,
מײַן אַלטינקע שכנה דעם שירעם נעמט מיט.

און טאָמער דער שירעם צונויפֿגעלייגט איז,
ער דינט ווי אַ שטעקן, ער דינט ווי אַ שפּיז —

אַ הינטל אַ שטורך טאָן, פֿאַרטרײַבן אַ קאַץ,
וואָס ס'דוכט זיך איר אויס, יענע טוט באַלד אַ ראַץ.

זיך אָנשפּאַרן קאָן מען אויף אים בעתן גיין.
און עפֿענען אים איז אַוודאי דאָך שיין!

די ווײַס־בלויע שטרײַפֿן דערקוויקן דעם בליק.
געוועזן אַ מאָל איז ער גאָר אַן אַנטיק.

נאָר איצטער, ווען ס'טרעפֿט אַז עס רעגנט אין גאַס,
דער שירעם באַשיצט ניט, אַלץ ווערט אײנס נאַס...

1986

## אַ שמועס

געזעסן זײַנען אַלע דרײַ
און צווישן זיך גערעדט.
ס׳איז ניט געווען קיין פּלוידערײַ,
נאָר גיכער אַ געוועט

פון שאַרפע צינגער, שאַרפע קעפּ
מיט ווײסן אָנגעשטאָפּט.
ס׳האָט וואָרט צו וואָרט זיך גוט געקלעפּט
און גרינג פון צונג אַראָפּ.

עס ענדיקט איינער זײַן געדאַנק,
דער צווייטער הייבט גלײַך אָן.
/ דעם דריטן קומט אויס וואַרטן לאַנג —
וואָס קען ער נעבעך טאָן! /

נאָר ער צעלאָזט זיך פראַנק־און־פרײַ,
ווען ס׳קומט צו גיין זײַן ריי,
אַזוי ווי אין דעם חודש מײַ
אַליין דער סאָלאָוויי.

יאָ, אַלע ריידן זייער שיין!
דער שמועס לאַנג זיך ציט.
נאָר... יעדער הערט נאָר זיך אַליין
און מערער קיינעם ניט.

1983

## דער טאַקטישער

— איך, אַז מע פרעגט ניט,
זאָג איך ניט.
און אַז מע בעט ניט,
טו איך ניט.
און אַז מע רופט ניט,
קום איך ניט,
און אַז מע שיקט ניט,
גיי איך ניט.
און דאַרף איך ניט,
פאַרשטיי איך ניט.

קיין פרעמדע צרות
זורג איך ניט.
מיט קיין שום עצות
קריך איך ניט.
מע רעדט פון אומרעכט,
הער איך ניט. —
מײַן לעבנסוועג
פאַרשווער איך ניט.

איך בין אַ מענטש אַ טאַקטישער.
אַ טאַקטישער,
אַ פּראַקטישער...

1984

# דעם גוטן מענטשן

געווידמעט א. י.

דו ביסט אַ גוטער, טאַקע גאָר אַ גוטער!
האָסט קעגן קעלט און היץ
פון גוטסקייט זיך געמאַכט אַ פוטער,
וואָס דיך באַשיצט.

ער לאָזט ניט צו צו דיר די וועלט פון דרויסן —
איר שלעכטס, איר שמוץ.
ווײַל דו באַשטייסט אויף דעם, ווײַל דו ביסט אויסן
צו זען בלויז גוטס.

און ווען אַ שפּאַרבער טוט אַ פּאַל פון אויבן,
קערסט אָפּ דעם קאָפּ
און זעסט נאָר די געראַטעוועטע טויבן,
וואָס ציִען אָפּ.

1984

## ווי טויבן צוויי

אַ בענטשונג און אַ לויב
דער סאַמעטענער טויב,
וואָס זי שפּאַצירט הינטער מײַן שויב!

נאָר אָט איז נאָך איינע געקומען,
און ביידע — שלאָגן זיך גענומען
מיט אויפגעשטעלטע פעדערן...

הײַנט גיי פאַרשטיי
פאַר וואָס קומט גלײַך
בײַ יעדערן
צו שלום־בית אַ פאַרגלײַך:
„ווי טויבן צוויי?..״

1986

◆

נייט מיך ניט, מענטשן, פאַרמאַכן מײַן האַרץ!
נאָר מיט אַ האַרץ מיט אַן אָפּנס כ׳קאָן זינגען.
נייט מיך ניט זאָגן אויף ווײַס ״דאָס איז שוואַרץ״ —
פּרוווט זיך ניט, ס׳וועט אײַך אַלץ איינס ניט געלינגען!

נייט מיך ניט, מענטשן, צו ריידן פאַרשטעלט,
ניט צו דערגיין אַלץ, נאָר בלאָנקען דערנעבן.
גוט וואָס פאַראַן איז אַ וועלט אויף דער וועלט!
גוט וואָס אַ לעבן איז דאָ אויף צו לעבן!

1986

## אַ יום־טובדיק פֿאָלק

אַ יום־טובדיק פֿאָלק זײַנען ייִדן!
מיר דאגהן, מיר פֿאַדען, מיר האַוועז,
נאָר איז מען מיט עפּעס צופֿרידן,
איז נעמט מען גלײַך יום־טוב פּראַווען.

וואָס גרעסער געווען איז דער דלת,
אַלץ אָפּטער דער יום־טוב.
צו טיי אַנשטאָט ברויט חלה —
דאָס איז שוין אַ יום־טוב!

בײַ דעם קינד אַ פּאָר נײַע שיך —
אַ יום־טוב!
עפּעס אַ פּלאָג האָט געענדיקט זיך גיך —
אַ יום־טוב!

ניט לאָזן צו זינקען
אין וואָכעדיק־שוואַרצן!
אויס יום־טוב — איז ווידער
די אַרבל פֿאַרשאַרצן.

אַ קינדערשע טבע —
זיך קאָנען צעשטרײַען,
מיט יעטווידער קלייניקייט
גרייט זײַן זיך פֿרייען.

אַ קינדערשע טבע ? —
אַ חכמה אַ גוואַלדיקע !
דער יום־טוב — דאָס איז
אַ רפואה אַ באַלדיקע,

אַ רגעלע אָפּרו
אין מיטן מאַרשירן,
אַ ברעקעלע נחת
די הענט צו צעפּירן.

איך דאַנק טאַטע־מאַמע :
אין צײַטאָפּשניט שוואַרצן
זיי האָבן אַ יום־טוב
פאַרזייט אין מײַן האַרצן.

1985

## נײַ און אַלט

איך האַלט פֿון יענע נײַע לידער,
וואָס זײַנען גוט ווי אַלטער ווײַן.
איך האַלט פֿון יענע אַלטע לידער,
וואָס פּאַסן זיך אין הײַנט אַרײַן.

איך האַלט פֿון יענע נײַע פֿאָרמען,
וואָס גיבן צו דעם אינהאַלט קראַפֿט.
איך האַלט פֿון יענע אַלטע פֿאָרמען —
די אייביקע ווי וועלטבאַשאַף.

איך האַלט פֿון יענע נײַע מענטשן,
די ניט־געענדערטע כּמעט —
ווען ס'דאַכט, כ'האָב זיי אַ מאָל געקענט שוין,
און זיי געשעצט און ליב געהאַט.

1986

## שיין

שיין — איז אויף אַלע שפּראַכן.
שיין — איז אין אַלע צײַטן.
שיין — איז בײַ רײַך און בײַ אָרעם.
שיין — איז ניט צו באַשטרײַטן.

שיין — דאָס דערזעט מען תּיכּף.
שיין — דאָס איז שווער צו פֿאַרגעסן.
שיין — דערקוויקט די נשמה.
שיין קען ניט ווערן דערעסן.

שיין איז — ווען ס'האַרמאָנירן
קלאַנגען, פֿאָרמען, פֿאַרבן.
שיין אָבער קאָן פֿאַרפֿירן.
שיין אָבער קאָן פֿאַרדאַרבן...

1984

## יום־טובדיקער אינדערוואַכן

ווי נעמט מען יענעם יום־טובדיקן אינדערוואַכן,
וואָס איז בײַ אונדז אין שטוב געווען אַלע מאָל!
הײַנט אונדזער לאַכן אויפֿן קול —
מקנא זײַן פֿלעגט יעדע שכנה, יעדער שכן.

מיר פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אין דרײַען,
פֿלעגט אונדז אַרומכאַפּן אַזאַ מין פֿרייד!
אויף איבערגעבן דאָס מיט רייד
קיין ווערטער וועלן גאָר ניט סטײַען...

דער ייִדישער באַרימטער שלום־בית
געהערשט האָט אין די אָרעמע פֿיר ווענט,
מײַן היים, זי האָט מיר נימאס ווערן ניט געקענט,
איך פֿלעג אין איר געפֿינען שטענדיק עפּעס נײַעס.

און שפּעטער כ׳האָב געזען אי פֿרייד, אי פּײַן,
אי חכמה, וואָס זי לויכט ווי זיבן זונען.
נאָר יענע יום־טובדיקייט האָב איך ניט געפֿונען,
וואָס האָט באַשײַנט דעם אויפֿבלי פֿון מײַן זײַן.

1985

## בענקעניש

מײַן טײַערינקער! קער זיך אום!
וואָס זאַמסטו זיך אַזוי?
אָן דיר איז אַלץ דאָ פּוסט און שטום,
און אומעטיק, און גרוי...

די בענקלער זעען נאַריש אויס,
עס גענעצן די ווענט.
די חוצפּה פונעם לאָמפּ איז גרויס —
ער לויכט ניט, נאָר ער בלענדט.

פאַרלעש איך אים און בלײַב בײַם טיש
אין טונקלעניש פאַרשפּינט...
לויפט אָן פון פענצטער יונג און פריש
אַ זומערדיקער ווינט.

צי קומט ער ניט פון דיר אַ מאָל? —
געטאָן דיך ערשט אַ גלעט
דאָרט, דורכן פענצטער פון שפּיטאָל,
בײַ וועלכן ס'שטייט דײַן בעט?

1984

## דײַן האַנטשריפט

דײַן האַנטשריפט האָב איך ליב — איך שטאַרב אַוועק! —
דעם לעפל פונעם בית, פון לאַנגן קוף דעם עק.
דעם קוועטש אין יוד, דעם למד דעם בר־דעת,
דעם סמך, וואָס איז בײַכיק ווי אַ פּאַס...

דײַן כּתב שפּאַרט אָן מיט פּופּציק יאָר צוריק,
ווען ביידן אונדז האָט צוגעשפּילט דאָס גליק —
פון ליבע זײַנען מיר געווען צעחושט
און איך האָב דײַנע צעטעלער געקושט.

ווען ביסט מלחמה־צײַט געוועזן אויפן פראָנט,
פלעג איך דיך דורך דײַן כּתב דערפילן נאָענט —
דאָס פלעיענדיקע פּיסל פון דײַן נון
האָט מיך געוואַרעמט אין דײַן בריוול ווי די זון.

געווען אויך צײַטן ביטערע ביז גאָר.
ס'איז אונדזער בונד געהאָנגען אויף אַ האָר.
און איינער פונעם צווייטן איז אַוועק —
די האַנט צום זעגענען ניט אויסגעשטרעקט...

נאָר אָט איז אָנגעקומען אַ קאָנוווערט
און איך האָב אין דײַן כּתב דײַן קול דערהערט.
דײַן למד דער בר־דעת, דײַן יוד, דײַן בית —
זיי האָבן אַלץ פאַרענטפערט און געלייזט.

דרײַ אותיות צונויפֿגערוקטע שמאָל
האָבן געזאָגט: האָסט **ליב** מיך ווי אַ מאָל.
די טרער וואָס האָט זיך אין מײַן אויג צעשײַנט,
דורך אַלע יאָרן לויכט מיר נאָך ביז הײַנט.

און דײַנס אַ שורהלע — ס'מעג זײַן פֿאַרמעקט —
טראָג איך צו זיך אין טישקעסטל אַוועק.

1986

## דײַן "מבול"

— דו זאָגסט, ס'איז פינצטערלעך ?
וואַרט, ס'וועט ערשט ווערן פינצטער !
ס'וועט זיך ניט דורכשלאָגן
קיין זונענשטראַל קיין מינדסטער...
דו זעסט דאָך ווי דער הימל איז באַלאַגערט.
מיר דאַכט זיך, ערגעץ ווײַט אַ דונער גראַגערט...

נו יאָ, עס וועט באַלד דונערן און בליצן !
אַט־אַט, און ס'וועט אַ רעגן נעמען שפּריצן.
וואָס זאָג איך "שפּריצן" ! ער וועט פליאַסקען, שטראָמען !
און טאַקע באַלד אַ האָגל וואַרטן קאָן מען,
אַ האָגל מיט אַ ווינט ! עס וועלןביימער פאַלן...

וואָס איז דיר לאַכן פּלוצעם אײַנגעפאַלן ?
געוואָרן, זאָגסטו, איז אַ גוטער וועטער ? —
אַלע איינס וועט זײַן אַ מבול. אויב ניט איצט, איז שפּעטער...

1986

## דער מאָלער און דער בעל־עגלה

עס האָבן אויף אַ גאַס אַ שמאָלער
געוווינט, ווער ווייסט שוין וויפל צײַט,
אַ מאָלער און אַ בעל־עגלה,
איינס פונעם אַנדערן ניט ווײַט.

דער בעל־עגלה פלעגט דעם מאָלער
פאַרכאַפּן מיט זיך אויף זײַן פור
און לאָזן אויפן וועג אים: זאָל ער,
ווי הייסט עס, "מאָלן די נאַטור".

דאָ האָט ער פעלדער, טײַכלעך, מילן
און אַלעס וואָס זײַן האַרץ נאָר גלוסט.
(דער בעל־עגלה האָט אַפילו
וואָס מאָלט דער מאָלער ניט געוווּסט.)

ער פלעגט אַראָפּלאָזן אים שטענדיק
שוין אויף אַן אָפּגערעדטן אָרט,
און הערן: — כ'האָב אויף הײַנט געענדיקט, —
ווען אויף צוריקוועגס ער פאַרפאָרט.

גאַנץ אָפט פלעגט אים דער מאָלער זאָגן:
— איך בלײַב נאָך. האָט ניט קיין פאַרדרוס.
כ'וועל הײַנט, בנימין, אָן אַ וואָגן
באַגיין זיך. קומען כ'וועל צו פוס.

און מיטן מאָלברעט, מיטן לײַוונט,
מיט דער פּאַליטרע, מיד, פֿאַרטראַכט,
פֿלעגט ער אַהײם זיך ערשט דערקלײַבן,
ווען צופֿאַלן פֿלעגט שוין די נאַכט.

בנימין פֿלעגט פֿון פֿענצטער קוקן
אויף יענעמס שווערע, מידע טריט,
און פֿלעגט נאָר מיט די אַקסלען צוקן:
„אַזאַ מאַנקאָליע! גאָט באַהיט...

פֿון פֿרי ביז שפּעט בײַם מאָלברעט שוויצט ער.
כ'וואָלט זײַן פּרנסה ניט געוואָלט.
(כאָטש ער האָט קיין מאָל נאָך ביז איצטער
מיר ניט באַוויזן וואָס ער מאָלט.)

וואָס קאָן מען שוין מיט פֿאַרבן מאַכן!
ניט מערער ווי אַ שיינע שילד.
נאָר אָט צוליב אַזעלכע זאַכן
אַזוי זיך מקריב זײַן — ס'איז ווילד!

און וויפֿל, מישטיינס געזאָגט, פֿאַרדינט ער?
ער לעבט דאָך אָרעמער פֿון מיר!
מײַן פֿאַך איז פֿריילעכער, געזינטער,
פֿאַרשווינען פּלערליי איך פֿיר,

איך פֿרעג זיי אויס און הער זיי גערן.
דערוויילע קוק איך אויף גאָטס וועלט, —
איך קוק און קען גאָר זאַט ניט ווערן
מיט אָט דעם וועג דורך וואַלד און פֿעלד..."

אַזוי האָט זיך געטראַכט בנימין,
נאָר האָט דעם מאָלער מיט קיין ווונק
אויף דעם ניט אָנגעדײַט. ווי קאָן מען!
פאָרט האָט ער ליב געהאַט דעם יונג,

דעם שטילן מענטש, דעם גוטן שכן,
וואָס שטענדיק אויסהעלפן איז גרייט,
און אים אין האַרצן ניט געקראָכן
מיט זײַנע באַלאַגאָלסקע רייד.

נאָר ס'איז בנימין שוואַך געוואָרן,
דער עלטער בייגט אים צו דער ערד.
ער האָט שוין ניט געקענט מער פאָרן,
פאַרקויפט דעם וואָגן מיטן פערד.

אויף זיך אַליין געהאַט פאַראיבל:
צו פרי געוואָרן קראַנק און אַלט.
ס'איז ענג צווישן די ווענט פון שטיבל!
ער האָט געבענקט נאָך פעלד און וואַלד,

אין איינעם פון די אויפדערנאַכטן
דערגיין צום שכן קוים געקענט.
און דאָרט גענומען זיך באַטראַכטן
דעם מאָלערס בילדער אויף די ווענט,

דערקאָנט דאָס טײַכל מיט די ביימער,
וואָס זיי פאַרבײַפאָרן ער פלעג,
דאָס קעלבעלע מיט דער בהמה,
וואָס ער פלעגט אָנטרעפן אין וועג,

דעם גריקע־פעלד מיט זון פֿאַרגאָסן,
דאָס דערפֿל, וואָס פֿון רעכטס זיך שפּרייט...
און עפּעס האָט אים ווי פֿאַרדראָסן,
און עפּעס האָט אים ווי געפֿרייט.

ס׳האָט אים דאָס האַרץ גענומען נאָגן,
ער האָט דעם וואַלדגערוך דערפֿילט —
ווי ער וואָלט מיט זײַן פֿערד און וואָגן
אַרײַנפֿאָרן אין יעדן בילד...

עס האָט ערשט איצט דערפֿילט בנימין
די צויבערקראַפֿט דעם פֿעלדס, דעם וואַלדס —
ווי ס׳וואָלט דער מאָלער אַ נשמה
אַרײַנגעבלאָזן אין דעם אַלץ.

זײַן גלאָז מיט טיי איז קאַלט געוואָרן.
ס׳איז מיט דעם מענטש אַ נס געשען —
ווי זײַנע דורכגעלעבטע יאָרן
וואָלט ער דאָ אויף די ווענט דערזען,

דערזען — איצט בולטער ווי פֿריִער,
אַ סך פֿאַרשטאַנען אויף צוריק,
אין בילדער פֿון פֿאַרטאָג, פֿון שקיעה
אַזאַ מין וואַרעמקייט דערבליקט!

געוואָלט אַרויסזאָגן דאָס אָפֿן,
נאָר ווערטער האָבן אויסגעפֿעלט.
און טרערן זײַנען אָנגעלאָפֿן,
אַלץ מיט אַן אַנדער אים פֿאַרשטעלט...

דער מאָלער האָט זיך ווי פֿאַרלאָרן,
דערנאָך אַרויסגערעדט פֿאַרשעמט:
— נו זעט, די טיי איז קאַלט געוואָרן!
וואָס טרינקט איר ניט? אַ קיכל נעמט...

1986

## צום פויגל

פון דיר און מיר דערוואַרט מען לידער.
מע מיינט, ס׳איז גרינג אַזוי צו פליִען.
מע זעט ניט ווען דו קומסט אַ מידער
נאָך לאַנגן טאָג פון שווער זיך מיִען, —

פון זוכן ווערעמלעך און רויפן,
אַן אָרט געפינען פאַר אַ נעסט...
אויך איך דאַרף גיין נאָך ברויט, נאָך גרויפן,
און בײַ דער ערד זיך האַלטן פעסט.

נאָר ווען מיר פליִען אין די הימלען,
איז קיינער, קיינער צו אונדז גלײַך.
אַליין דאָס לעבן זינגט אונדז הימנען,
די וועלט איז אונדזער קעניגרײַך.

דאָרט אויבן ווינט אַ ווינט אַ יונגער,
די פליגלען אונדזערע ער גלעט.
דאָרט הערשט אַ שעפערישער הונגער,
ניט קיין געברויכערישער זעט.

1984

# דורך צײַט

◆

אַן אײַזליכטל ברעכט אָפּ פון טרויב אַ קינד
און לייגט אַרײַן אין קעשענע געשווינד.
דעם ייִנגעלעס דערפאַרונג איז נאָך קליין,
ער ווייסט ניט אַז די שיינקייט וועט צעגיין...

אַנטוישונג ערשטע — דאָס וועט זײַן דער פּרײַז
פאַר צוטרוי צו דעם בלישטשענדיקן אײַז.
נאָר כ׳גלייב, דאָס קינד וועט, כאָטש דאָס לעבן ברעכט,
אַ טרוימער בלײַבן, און וועט זײַן גערעכט!

## דער וואַרעמער ווינט

דער וואַרעמער ווינט הײַנט
האָט געבראַכט מיר מײַן קינדהייט —

אַן אַמאָליקע ווערסנע
שוין לאַנג אַ פאַרגעסענע:

...די ביימער ליאַרעמען
פון אַ ווינט אַ וואַרעמען,

פון די שטריק אין די הויפן
וויל דאָס וועש אַנטלויפן.

דאָס טײַכל — צעפּאַלדעוועט.
דער גאַנער גוואַלדעוועט.

ס׳פּליט דער שטויב אַנטקעגן —
פאַרשמעקט האָט מיט רעגן.

און עס לויפט אין ווינט
נאָך זײַן היטל אַ קינד...

1985

## פון דעמב די ניסלעך

פון דעמב די ניסלעך, פון דעמב די ניסלעך —
קליינינקע, ברוינינקע, גלאַנציקע פעסעלעך
צוגעפעסטיקט צו טונקעלע שיסעלעך! —
גלײַך ווי מײַן קינדהייט זײַט איר אומפאַרגעסלעך.

כ׳פלעג אונטערן דעמב גאַנצע שעהען זיך שפּילן,
צונויפשאַרן קופּקעסווײַז, קײַקלען זיי, וואַרפן.
ווי כ׳וואָלט אין דעם גאָלדענעם האַרבסט־טאָג דעם שטילן
פון זיי עפּעס וויכטיקס דערוויסן זיך דאַרפן.

דעם קאָפּ כ׳פלעג פאַרהייבן צום דעמב צו דעם גיבור
דעם ברויזיק צעגרינטן, דעם ליכטיק צעשטראַלטן,
דערנאָך מיטן בליק צו די ניסלעך אַריבער,
דאָרט זוכן זײַן כּוח, וואָס אין זיי איז באַהאַלטן.

ס׳האָט עמעץ געזאָגט מיר (דו הער נאָר אַ ביסל!)
די נײַס כ׳האָב געשלונגען מיט וווּנדער מיט שטומען —
אַז ס׳קאָן פון איין־איינציקן דעמבענעם ניסל
אַזאַ מין אָ ריזיקער דעמב זיך באַקומען.

בײַ טאָג און בײַ נאַכט כ׳האָב געטראַכט פון דעם וווּנדער,
דעם הייליקן וווּנדער פון וואַקסן און ווערן.
כ׳פלעג נעמען אין האַנט יעדן ניסל באַזונדער
און שעפּטשען צו אים, ווי איך וואָלט אים באַשווערן.

פון דעמב די ניסלעך, פון דעמב די ניסלעך —
איך הייב שוין אָן אײַך פאַרגעסן צו ביסלעך...

1986

## דער האָן קרייט

כ׳האָב ליב ווען ס׳קרייט דער האָן באַגינען.
זײַן קורצער זאָץ איז פול מיט חן.
כאָטש קענסט קיין וואָרט דאָרט ניט געפינען,
ער צערטלט דײַן געהער: ווי שיין!

דער קריי קען פון התפעלות קומען.
ווי אַלע קולות פון דער וועלט
דורך אַלע פייגלען פאָרגעשטעלט
וואָלט ער אין זיך אַרײַנגענומען,

און אויך דעם סומנעם קלאַנג פון הינער,
וואָס אין דער אויספילונג פון האָן
מיט זײַנע אייבערטענער דינע
מײַן האַרץ מיט קלעמעניש פילט אָן.

דער האָן, דער ממזר, ער פאַרשטייט
דעם רושם וואָס ער מאַכט. אַ סימן —
פון פלויט, וואָס דינט אים פאַר אַ בימה
וואָלט ער געקרייט אַלץ און געקרייט.

## זײַדענע קלײדער

— דאָס פעלט נאָך צו מײַנע זײַדענע קלײדער! —
אַזוי פלעגט מײַן מאַמע זאָגן כּסדר.
איך האָב זיך געוווּנדערט. אַבי נאָר זי זאָגט!
קײן זײַדענע קלײדער האָט זי ניט פאַרמאָגט.

געוווּסט האָב איך: זײַדנס איז גלאַנציק און גלאַט —
ווײַל איך האָב אַ זײַדענע סטענגע געהאַט.
די מאַמע פלעגט זי אין די צעפּ מיר פאַרפלעכטן,
די הימלדיק־בלויע (מיר דאַכט זיך — ערשט נעכטן...)

נאָר האָט דען מײַן מאַמע אַ זײַדענע קלײד —
כאָטש אײנע? כ׳פאַרפיר וועגן דעם ניט קײן רײד.
בלויז פרעגן בײַ איר פלעגט זיך שטענדיק מיר וועלן:
וואָס קען דען צו זײַדענע קלײדער נאָך פעלן?...

1984

## פּאַרגעפּיל

**מײַן מאַמען**

מיר ביידע האָבן מיט דיר גלײַכע שרונטן
אין סאַמע מיט פון די געקרויזטע האָר.
עס זאָגט דער שכן װעלכער װוינט פון אונטן:
ער האָט געמיינט מיר זײַנען שוועסטער גאָר!

דו, מאַמע, ביסט נאָך יונג און איך בין שוין דערוואַקסן.
דו טומלסט נאָך, און איך בין שוין פאַרקלערט.
ס'האָט אונדז נאָך ניט געלייגט זיך אויף די אַקסל
די לאַסט פון יאָרן וואָס דעם וועג פאַרשווערט.

בלויז איין מאָל אין אַ דערפעלע אַ שטילן
(פון פלוצעמדיקער שרעק כ'באַנעם ניט דעם באַטײַט):
ס'פאַרגייען זיך בײַ נאַכט די הינט אין בילן,
און ס'טוט מײַן פּאַרגעפּיל אַ שפּרונג אין תּהום פון צײַט...

## דאָס יאָר דרײַ און דרײַסיק

אין אונדז האָט געשפּרודלט פֿון יוגנט די פֿרייד.
די פּנימער גלאַט, און די האָר מיט אַ גלאַנץ.
ווי גרינג פֿלעגן פֿלעכטן זיך אונדזערע רייד!
און אַלץ איז געווען אונדז אַזוי ווי צום טאַנץ.

און אַלץ איז געווען אונדז טשיקאַווע און נײַ,
גענערט אונדזער נײַגער, געשפּײַזט אונדזער בליק.
אַט זײַנען מיר צווייען — אַט ווערן מיר דרײַ!
דער דריטער, אַ ליכטיקער, ליגט אין דער וויג.

און ס'שאַט ניט, וואָס שמאָל איז דאָס אײַזערנע בעט,
וואָס קאַלט איז דײַן מאַנטל און אַלט איז מײַן קלייד.
מיר שטייען אויף פֿרי און מיר לייגן זיך שפּעט —
מיר לערנען. דאָס יאָר דרײַ און דרײַסיק ערשט גייט...

1984

## מער אין פירן וועלן מיר ניט זינגען...

„לאָמיר ביידע אַ ליבע פירן!
מיר זײַנען דאָך מיט דיר פון גאָט אַ פּאָר"...
דאָס פאָלקסליד זינגען פלעגן מיר אין פירן
צוריק מיט עטלעכע און פערציק יאָר, —

זיאָמע, איך און עלינקע און ליוטיק.
נאָר אָט אַוועק זײַנען די מענער אויפן פראָנט...
זיי האָבן זיך געהאַלטן פעסט און מוטיק.
(אַלץ אונדזער זינגען אין די בריוו דערמאָנט.)

„צוויי־דרײַ יאָר וועל איך אויף דיר וואַרטן,
און אויב אַפילו פיר, איז בײַ מיר אויך כּדאי".
נאָר ניט דערלעבט צום זיג צו דעם געגאַרטן
עס האָבן צווייען. צווייען פון די דרײַ...

ס'האָט עלינקען די ערד געטאָן פאַרשלינגען,
אויך ליוטיקן פאַרזויגן האָט דאָס ליים.
מער אין פירן וועלן מיר ניט זינגען:
„דו נעם אַ דראָזשקעלע און פאָר אַהיים"...

1985

## די הוט

האָב איך ווען עס איז אין קרים דען אָפּגערוט
און פון דאָרטן איז מײַן זומערדיקע הוט?

צוואַנציק יאָר פאַרבײַ, זי האָט די פאַרב פאַרהיט,
און דער שטרוי פון איר האָט זיך ניט אָפּגעשיט!

הענגען אַלץ די גרינע פרענדזן אויף איר ראַנד.
אָבער ווו איז יענע מירמל־ווײַסע האַנט,

וואָס פלעגט אונטערהאַלטן זי מיט פינגער צוויי,
ווען עס פלעגט פון ים אַ ווינטל טאָן אַ ווייע?

ווו איז אונטער איר דער בלאָנד געקרויזטער קאָפּ,
דער געלעכטער ווען זי טוט אַ פלי אַראָפּ?

אויב דאָס אַלץ איז שוין ניטאָ מער, איז דען גוט
וואָס ס'האָט זיך אַזוי פאַרהיט מײַן זומערהוט?

1985

## קיין סימן

איך בין דעמאָלט אַ קינד געווען.
און דו ביסט געווען אַ קינד.
איך האָב געשפּילט דאָס פייגעלע,
און דו האָסט געשפּילט דעם ווינט.

די פּיעסקע, וואָס מיר האָבן אָפּגעזוכט
איז געווען פאַר צווייען פאַרטראַכט.
דו האָסט אין אַ לײַלעך פאַרוויקלט זיך,
און איך האָב זיך פליגלען געמאַכט.

מיר האָבן געלע בלעטער געבראַכט
און אויסגעשפרייט אויפן דיל.
האָסט עטלעכע קלעצלעך האָלץ צעשטעלט —
אין וואַלד קומט פאַר די שפּיל.

אַ פליגל איז צעבראָכן בײַ מיר.
איך מוז בלײַבן אויף ווינטער אין וואַלד...
דו פאָכסט מיט דעם לײַלעך און פליסט אַרום,
איך וויין, ווײַל עס איז מיר קאַלט.

דער ווינט און דאָס פֿייגעלע ריידן צום גראָם.
(די ווערטער געדענקען מיר גוט.)
...נאָר צענדליקער יאָרן זײַנען פֿאַרבײַ —
אַנטרונען ווי איין מינוט!

— — — — — — — — — — — —

איך האָב דיך געטראָפֿן דאָ אינעם לאַנד,
ווו מיר וווינען ביידע אַצינד —
אַ קורצגעזעצטער פּעטלעכער ייִד,
קיין סימן פֿון יענעם ווינט.

1983

## צום זייגער

דו, זייגער, צעטיילסט מיר די צײַט אויף חלקים,
איך זאָל זי אַראָפּשלינגען גרינגער.
מײַן טאָג, כאָטש אויף טויזנטער רגעס צעבראָק אים,
רינט אויס צעווישן די פינגער...

און וואָס זאָל ניט זײַן, בלײַבט די צײַט בײַ מיר שטעקן
אין האַלדז און וויל מיך דערשטיקן.
דער ווײַזער פאַרלײַכטערט ניט אויף קיין ברעקל
מיט זײַנע אַהין־און־צוריקן.

דער טאָג קערט זיך אום און דער חודש קומט ווידער.
דער יאָר אָבער ווייסט ניט פון קונצן.
ער לייגט זיך צו מיר אויפן פּנים אַנידער
מיט נאָך כאָטש אַ פּיצעלע רונצל.

דו, זייגער, ביסט גוטהאַרציק און תּמעוואַטע.
דער יאָר וויל פון חכמות ניט וויסן.
ווײַל ער איז די אמתע מאָס פון דער דאַטע,
פון צײַטן וואָס פליסן און פליסן...

איז קוק איך און קוק אַלץ אויף דײַן ציפערבלעטל —
עס שאַרן זיך דאָרטן צוויי פינגער,
ווי זיי וואָלטן וועלן די עוולה פאַרגלעטן
און מאַכן אַ ביסל אונדז גרינגער.

1986

## מײַן מאַמעס גורל

מײַן מאַמעס גורל גייט מיר נאָך אַ בלינדער —
ער זעט גאָר ניט אַז דאָס בין איך, ניט זי,
און אַז עס איז אַן אַנדער צײַט אַצינדער,
אַז איך פאַרנעם זיך, ווי דאָ הייסט, מיט "פּאָעזי".

איך קאָך און וואַש און ראַם, ווי זי, אַ לעבן.
און ווען דער גורל טרעט אַ ווײַלע אָפּ,
כ'בין גליקלעך אויב מיר האָט זיך אײַנגעגעבן
פאַרשרײַבן דאָס וואָס וועבט זיך אין מײַן קאָפּ.

כ'באַצי זיך צו מײַן גורל צווייערלייִק —
איך האָב אים פײַנט, נאָר ווי דער מאַמעס קינד,
כ'בין אויסמעקן בײַ זיך אין האַרץ ניט פעיִק,
ווי זי האָט אים אַ לעבן טרײַ געדינט.

איז זאָל מיר אויך זײַן שווער! איך האָב קיין טענה, —
נאָך שווערער! איך בין דאָך ניט זי, נאָר איך,
און חוץ איר גורל, האָב איך מײַנעם
אַ זיסן און אַ ווייטיקלעכן פליכט.

1986

## צו אונדזער זון

עס איז געווען אַ פרילינגטאָג
ווען איך האָב דיך געהאַט.
איך האָב ערשט אַכצן יאָר פאַרמאָגט —
אַ מיידעלע כּמעט.

מײַן מאַמע האָט געהייסן מיר
כ׳זאָל אין געבורטהויז גיין,
דײַן טאַטע האָט מיך נאָר באַגלייט —
פּאַוואָליע, פֿײַן און שיין.

ווען אין געבורטהויז כ׳בין אַרײַן,
דערזען אַרום דעם צער,
האָב איך ניט וועלנדיק דאָרט זײַן,
צעכליפּעט זיך, דער נאַר.

ווען טרערן האָבן מיר געפעלט,
האָב איך זיך שווער פאַרטראַכט...
די דאָקטאָרין שטייט אויפן שוועל
און קוקט אויף מיר און לאַכט.

— כ׳האָב ערשט געזעען אײַער מאַן,
ער טרעט ניט אָפּ פון הויז,
ער פרעגט: "דאָס קינד איז שוין פאַראַן?
דערציילט, ווי זעט עס אויס!"...

און ביידע לאַכן מיר מיט איר —
מיר זײַנען ביידע יונג.
די צײַט זי טוט זיך ניט קיין ריר.
— — — — — — — — — — —
און מיט אַ מאָל — אַ שפּרונג !..

אַ ווילדער שפּרונג צום עפּילאָג
אויף פּופּציק יאָר כּמעט...
עס איז געווען אַ פרילינגטאָג,
ווען איך האָב דיך געהאַט.

1986

## ניט געזעטיקט

פֿאַראַן אַן אויסדרוק "זאַט מיט יאָרן!" —
ווי קאָן מען זײַן מיט יאָרן זאַט?!
כ'בין יעדן טאָג ווי נײַ געבאָרן,
ווי גאָר קיין יאָרן ניט געהאַט...

און עפּעס נײַ איז, עפּעס וווּנדערט,
און עפּעס ווילסטו נאָך דערגיין.
עס האָט נאָך יעדער טאָג באַזונדער
זײַן פּרײַז, זײַן נײַס, זײַן מיין און חן.

דער טאָג קומט אַלע מאָל אַ יונגער
און יונגערהייט אין צײַט פֿאַרשווינדט.
עס איז צו גלייבן אַז מײַן הונגער
דערהאַלט בײַם לעבן מיך אַצינד.

ווען זײַן וואָלט איך מיט אַלץ געזעטיקט,
מיט גלײַכגילט ציילן מײַנע טעג,
וואָלט איך צו זיך אַליין פֿאַרשפּעטיקט.
ווײַל ס'וואָלט מײַן "איך" פֿון מיר אַוועק.

1984

## מײַן מאַמע

גערואַלד, געוואַלד!
מײַן יונגע מאַמע איז געוואָרן אַלט —
זי לאָזט באַלד אײַן דאָס צײַמל פֿונעם לעבן...
איך בעט זיך: האַלט!
און זי, זי קען קײן עצה זיך ניט געבן.
זי פֿאַלט און פֿאַלט...
איך שטײ דערנעבן
אין װיסטער פּײַן
פֿון ביטער אומבאַהאָלפֿן זײַן.

1983

## מײַן מאַמעס אַלטקייט

מײַן מאַמעס אַלטקייט הענגט אויף מיר —
אַ האַרטער שטיק געוויין.
דער מאַמעס אַלטקייט
דריקט מיך ווי אַ שטיין.
עס זאָגט צו מיר איר יעדער שטריך:
— איך בין שוין מער ניט איך,
עס איז מיר אַלץ דערעסן,
מיר פּלאָנטערן זיך די מעת־לעתן...

איך פּרוּוו זיך שטעלן צו איר אַלטקייט מיטן רוקן,
נאָר דורכן שאַרבן מײַנע אויגן קוקן, קוקן...

1983

## אַן אייניקל

איך וויל אַזוי אַן אייניקל!
אַ האָפענונג איך טראָג
דורך אים זיך צו פאַראייניקן
צום מאָרגנדיקן טאָג.

מײַן לעבן וועט זיך ענדיקן,
איך וועל שוין מער ניט זײַן —
ער וועט אין טאָג אין בלענדיקן
מיט יונגע טריט אַרײַן.

זאָל זײַן די באָבע רחלע
וועט בלײַבן ניט דערקענט,
נאָר גילטיק זײַן איר ברכה וועט,
וואָס איז צו אים געווענדט.

צי זײַן וועט עס אַ ייִנגעלע,
אַ מיידעלע — אַלץ איינס! —
אין אונדזער קייט אַ רינגעלע,
אַ ייִדעלע נאָר איינס!

און אויף דעם לאַנד דעם ייִדישן,
ווי איך, מיט פרייד און גרויל,
וועט ער זיך שוין ניט חידושן,
נאָר אויסלעבן זיך וווּיל.

1984

## פון אַלע די "ניטן"

הײַנט פּלעט מען ניט וועש
און מע לייט ניט קיין פענדלער.
מע קלײַבט ניט אויף הייצן
קיין סכך און קיין שפּענדלער,

מע האַקט ניט קיין האָלץ
און מע רײַבט ניט קיין פאַרפל,
מע ציט ניט קיין ליכט, —
אַז צו וואָס זאָל מען דאַרפן ?!

פון צירעווען זאָקן
פאַרשפּאָרט איז צו ריידן.
(גיי פּרוּוו עס דערציילן
דער באָבען, דעם זיידן!)

מע לייגט ניט קיין לאַטעס,
מע טראָגט ניט קיין וואַסער,
מע שטעלט ניט קיין ווײַן
און מע טריקנט ניט קעזלער.
פון אַלע די "ניטן"
מע ווערט עטוואָס בלאַסער, —
אַ ביסעלע בלאַסער
און אויכעט נערוועזלער.

## איך און מײַן פרייד

מײַן פרייד זוכט אַ וועג נאָך אַנאַנד, נאָך אַנאַנד...
קיין טיר איז ניטאָ? — מיטן קאָפּ דורך דער וואַנט! —
צעפּאַטערט, פאַרמאַטערט, נאָר פּאָרט אויף דער פרײַ
זי טוליעט צו מיר זיך און בלײַבט מיר געטרײַ.

נאָר איך בין ניט איך שוין, און זי איז ניט זי.
עס ליגט אויף אונדז ביידן דער שאָטן פון מי —
צו זוכן און זוכן אַ טראָפּעלע ליכט
אין פינצטערניש, וואָס איז ווי סמאָלע געדיכט.

וווּהין איז אַהינגעקומען מײַן פרייד? —
אין שווײַגן צערונען, צעשאָטן אין רייד,
צעגאַנגען אין טרערן, אין ווייטיק פאַרברענט
און... איז ניט געוואָרן פון אונטער די הענט.

1983

♦

די צײַט, זי טוט זיך אָפּ דאָס איריקע,
דאָס איז פֿאַר קיינעם ניט קיין נײַס. —
מײַנע האָר די קאַשטאַן־קאָליריקע
זײַנען געוואָרן זילבער־ווײַס.

אַלע זומערס — דורך זיי פֿאַרגעסענע.
אַט ווי ניט געווען אויף דער וואָר.
בלויז די ווינטערס די אײַנגעגעסענע
זײַנען אַריבער צו מיר אין די האָר...

1984

# אויף קבר־אָבות

איך גיי... איך גיי אויף קבר־אָבות.
מיט מיר גייט מיט די זון, די לופט,
מיט מיר גייט מיט מײַן קאָפּ, מײַן גוף,
און נאָר דאָס האַרץ פּאָרויס לויפט באָרוועס,
און שטיקער רײַסט פון זיך, און רופט,
ווי ס׳וואָלט דער אומגליק טרעפן נאָר־וואָס...

צום טויער כ׳קום פון גרויען שטיין.
איך גיי אַרײַן. דיביימער ראַשן.
פון רעכטס — אַ פלומפּ די הענט צו וואַשן.
ס׳געוועלטיקט דאָ דער טויט אַליין...
נאָר ניין, ער קלײַבט זיך ניט דיך סטראַשען.
ס׳איז אַלץ אַרום דאָ שיין און ריין,
דו קאָנסט אין גרינס די אויגן פּאַשען
ווי תּמעוואַטע ציגן צוויי —
ביז וואַנען ס׳קומט ניט זייער ריי...

אין דער האַלב־טונקעלער אַליי
איז אַלץ געאָרדנט ווי צום בעסטן.
אַ מענטשן טרעפסטו אָדער צוויי —
זיי זוכן דאָ די טויטע נעסטן
פון טויטע לעבנס אַלערליי.

אויך איך געפין מײַן טויטע נעסט.
עס גרייכט צו איר פון בוים דער שאָטן.
...דו קוק אויף דעם נאָר וואָס דו זעסט —
צו קוקן טיפער איז פאַרבאָטן.
ניט פּאָלג דײַן האַרץ, דאָס איז דער עיקר.

ווײַל רײַסן וויל עס פון דיר שטיקער.
עס שלעפּט און שלעפּט דיך אַלץ בשתיקה
אַהין פון וואַנען (ווייסט עס פעסט)
איז שוין ניטאָ מער קיין צוריקקער...

— — — — — — — — — — — — — — —

כ׳דערפיל אַ קעלט אין די געדערים.
דער וועכטער הייבט מיך אויף. איך שטער אים.
דער וועכטער וויל פון גאָרניט וויסן, —
ער דאַרף דאָ ראַמען און באַגיסן.

איך גיי אַוועק פון קבר־אָבות.
מיט מיר גייט מיט די זון, די לופט,
מיט מיר גייט מיט מײַן קאָפּ, מײַן גוף,
און נאָר דאָס האַרץ צוריק לויפט באָרוועס
און ווערט צעריסן אַזש, און רופט,
און לאָזט ניט נעמען זי אויף ערבות.

1986

## געדענקען

געדענקען
הייסט בענקען
נאָך ייִנגערע יאָרן
וואָס זײַנען אַנטרונען געוואָרן
צוזאַמען מיט נאָנטע און ליבע. —
זיי זײַנען דעם טײַך פון דער צײַט ניט אַריבער,
געבליבן פון יענער זײַט שטעקן.
זיי שלאָפן
און זיי איז זיך ניט צו דערוועקן...

געדענקען
הייסט לאָזן זיך קרענקען
פון יענע פאַרגאַנגענע ווינטערס און זומערס,
וואָס יעדער פון זיי איז אַ בילד איצט אַ שטומער, —
פון יענע פאַרשוווּנדענע האַרבסטן און פרילינגס,
וואָס זײַנען געוואָרן פאַרטיליקט, —
פון יענע גאַנצפריִען,
פאַרנאַכטן,
בײַטאָגן,
וואָס הערן ניט אויף אין זכּרון צו נאָגן.
אַ נעבטיקער טאָג! ס'איז ניטאָ ווער
ס'זאָל אויסלייזן זיי פון דעם עבר...

## גערענקען

הייסט זיך ניט באַשרענקען
דורכויס מיטן הײַנט,
וואָס איז גרויס ווי אַ גענעץ,
ניט אָפּטיילן זיך מיט אַ גרענעץ
פון אַלץ וואָס געווען און פאַרלאָפן.
נאָר דעם בליק האַלטן אָפן
צום בייז וואָס מע טאָר עס ניט שענקען.

1987

## געקניפּט און געבונדן

דאָס לעבן — געקניפּט און געבונדן —
דער צדיק, דער רשע, דער נאַר,
די לידער, די טרערן, די ווונדן,
דער מורד, דער קנעכט און דער האַר...

און קיינער וועט קיין מאָל ניט אַנען
פון וויגל און ביז צו דעם טויט
דעם ענטפער — ווּהין און פון וואַנען,
ווײַל קיינעם איז דאָס ניט פאַרטרויט.

וואָס הייסט עס דען — לעבן און שטאַרבן,
וואָס הייסט עס דען — זײַן און ניט זײַן?
ס׳איז אפשר אַ שפּיל בלויז פון פאַרבן,
אַן אומבײַט פון שאָטן און שײַן?

דאָס לעבן — דאָס איז אַ לעגענדע,
וואָס האָט ניט קיין סוף און קיין ברעג.
אָט זײַנען מיר נאָר וואָס געווען דאָ,
און אָט זײַנען מיר שוין אַוועק...

1986

## עס האָט דאָך געפּעלט אַ הערעלע

אײַ, בערעלע, בערעלע!
ווי עס לויפט די צײַט!
דאָס וויפּלטע שוין יערעלע
האָט זיך פאַרקײַקלט ווײַט...

דײַנע קינדערשיכעלעך
האָבן איבער מײַן שטוב שפּאַצירט,
מײַנע קינדערביכעלעך —
דיך פאַר דער האַנט געפירט.

און ווי ס׳וואַקסט אויס פון אַ קערעלע
אַ בוים — אַזש עס גלייבט זיך שווער! —
אַזוי איז פון דיר, מײַן בערעלע,
געוואָרן אַ דוב־בער.

אין מאָסקווע האָסטו אַ געשריי געטאָן
פאַרן אָפּפליִען: „להתראות!"...
ווי דאָס האַרץ האָט דעמאָלט וויי געטאָן
ווייסט נאָר אַליין גאָט.

עס האָט געשנייט און גערעגנט,
געדונערט און געבליצט.
און דאָך האָבן מיר זיך באַגעגנט
אויף דער ערד אויף דער אייגענער איצט!

אוי, בערעלע, בערעלע!
כ'טו אַ טראַכט און דאָס בלוט ווערט פאַרקילט:
עס האָט דאָך געפעלט אַ הערעלע
דײַן גורל זאָל זײַן פאַרשפּילט...

1986

## צום לאַנד ישראל

ווין איך טאַקע אין ירושלים,
אָדער ס׳חלומט זיך מיר נאָך אַנאַנד ?
ווי האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו באַפרײַען
פון געבונדנקייט מיט יענעם לאַנד,

צו באַשליסן קיין מאָל מער ניט וויסן
וועגן קרובים, וועגן גוטע פרײַנט ?
אָט די גרויסע ביטערניש פאַרזיסן
כ׳וואָלט באַדאַרפט אַ צווייטע יוגנט הײַנט.

כ׳בין אַהער געקומען שוין אַ מידע.
אָנהייבן פון ס׳נײַ — דאָס איז גאַנץ שווער.
כ׳זאָל אין דיר דאָ ווערן אײַנגעגלידערט —
דאָס איז איצט מײַן איינציקער באַגער.

ייִדיש לאַנד, דו ביסט מיר ליב און טײַער !
נאָר איין קלייניקייט בײַ דיר איך בעט :
טרייסל זיך ניט אָפּ פון מײַן צושטײַער,
זאָג מיר נאָר ניט, אַז פאַר מיר איז שפּעט...

1986

## פֿאָלק און ציון

פֿאָלק און ציון —
צו אָט אָ די ווערטער
די שפּעטלעך דערהערטע
כ'האָב לאַנג ניט געוווּסט ווי איך זאָל זיך באַציִען.

נאָר ס'האָט מיך דאָס לעבן
געדולדיק גענומען דערציִען.
און אַלץ בין איך גרייט איצט צו געבן
פֿאַר פֿאָלק און ציון.

פֿון לענדער פֿון פֿרעמדע
די ייִדן זיך ציִען און ציִען
צום לאַנד — דער לעגענדע
און וואָר פֿונעם ציון.

און זאָל בײַ מײַן פֿאָלק דאָ
זײַן ווונד זיך פֿאַרציִען!

1984

## אַ קורצער זכּרון

שטייט בײַ מיר אַ פלאַש מיט כּרמל־ווײַן.
אין די פענצטער קוקן בערג אַרײַן.

אויף דער גאַס מיט וועלכער כ׳גיי נאָך ברויט
וואַקסן אַליִאַנדרעס — ווײַס און רויט.

שטייט אַ בוים מיט אַ געלאָקטן קאָפּ.
הענגען מילגרוימען פון אים אַראָפּ.

גייען מענטשן, ריידן אויף עברית.
זעצט מען זיי דערפאַר אין תּפיסה ניט.

אָבער איך, איך קוק זיך גאָר ניט אום —
כ׳האָב פאַרגעסן שוין פון וואַנען כ׳קום...

1983

# אַ ניסל פון אַ ציפּרעסבוים

## דער מאַנדלבוים

איך גיי און זוך דעם מאַנדלבוים —
מע זאָגט, ער נעמט שוין בליִען.
אויב ס׳בליט דער מאַנדלבוים, וועט שוין
דער ווינטער לאַנג ניט ציִען.

דער מאַנדלבוים דעם פרילינג פילט,
ווען ער איז נאָך פון ווײַטן,
און אײַלט זיך אָנזאָגן אונדז מילד,
אַז ס׳גייען שיינע צײַטן.

ער איז ווי דער באַגינען ראָז
און פריש ווי דער באַגינען.
עס טוט אַ ווינטעלע אַ בלאָז
און ברענגט זײַן דופט זײַן דינעם.

אָט איז ער טאַקע! ניט קיין ריז.
נאָר ווי איז אים געראָטן
זײַן ווי ער איז, פון קאָפּ ביז פיס
מיט מאַנדלצוויט באַשאָטן?!

1986

## ווען די זון האָט גענומען פאַרגיין

ווען די זון האָט גענומען פאַרגיין,
איז עס געווען אַזוי שיין,
אַז אַ קינד האָט פאַרקוקט זיך אין הימל
און אָפּגעשטעלט זײַן געוויין.

ווען די זון האָט גענומען פאַרגיין,
איז עס געווען אַזוי שיין,
אַז אַ זקנה געכאַפּט האָט דעם בעזעם
און געמאַכט אַרום שטוב ריין.

ווען די זון האָט גענומען פאַרגיין,
איז עס געווען אַזוי שיין,
אַז אַ קראַנקער האָט זיך צעשמייכלט —
פאַר וואָס — ניט געוווסט אַליין.

און ווען די זון איז פאַרגאַנגען,
האָט מען זי מיט קיין שום צוואַנגען
ביז פאַר טאָג ניט געקענט דערלאַנגען.

1985

## און נאָר זײַנע וואָרצלען

אַ בוים האָט זײַן איינציקן אָרט אויף דער ערד.
און דאָס איז זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן.
אַהער צו קומען צו אים אומגעשטערט
די זון און דער ווינט און דער רעגן.

זיי טרעפֿן אים שטענדיק בײַ אים אויף זײַן אָרט
און באַשענקען פֿון ברייטער האַנט אים.
דער פֿײַנלעכער גורל פֿון דאָ זײַן און דאָרט
איז קיין מאָל געווען באַקאַנט אים.

ער ווייסט, אַז אַלץ וואָס אים איז באַשערט
וועט ער אויפֿן אָרט דאָ האָבן.
און נאָר זײַנע וואָרצלען אונטער דער ערד
גראָבן און גראָבן און גראָבן...

1983

## אַ ניסל פון אַ ציפּרעסבוים

אַ ניסל פון אַ ציפּרעסבוים —
אין קניפּעלער זײַן הויט —
ווי נאָר כ׳האָב אָנגערירט אים קוים,
האָט זיך דער האָנט פֿאַרטרויט.

זיך פֿונעם צווײַגל אָפּגעטיילט,
אין פֿויסט אַרײַן געשווינד,
און דאָרט מײַן דלאָניע אויסדערציילט
ווי שלעכט איז אים אַצינד:

ס׳איז אומגעריכט געוואָרן נאַכט,
קיין ברעקל לופֿט, קיין ליכט...
ווען ער וואָלט פֿריִער טאָן אַ טראַכט
פֿון דעם וווהין ער קריכט!

מיר דאַכט, איך האָב דערהערט זײַן שטים.
ער בעט זיך: ״לאָז מיך, לאָז!״
...און מײַנע פֿינגער האָבן אים
אַראָפּגעגליטשט אין גראָז...

1983

♦

אויף אַ צווײַגל־גאָפּעלע
הענגט אַ רעגן־טראָפּעלע.
לעבן דעם איז נאָך אַ טראָפּן —
איז די פרייד אַ טאָפּלטע!

כ'האָב הנאה פון זיי ביידן,
ווי זיי פינקלען אַנשטאָט ריידן,
ווי זיי קענען זיך ניט שיידן...

1983

## חמסין

זיץ איך אין שטוב צווישן פיר ווענט —
ווערט די זון פון ליבע צו מיר פֿאַרברענט,
און דער בוים פון בענקען נאָך מיר — אַזש גרין.
אויך איך קיין אָרט פֿאַר זיך ניט געפֿין
צווישן די פיר ווענט.

אייגנטלעך וואָלט איך אַרויסגיין געקענט, —
וועל איך דאָך ווערן פון היץ פֿאַרברענט,
און דער בוים וועט זיך שאָקלען אַהער און אַהין,
ווי איינער זאָגט: אין אַזאַ חמסין
איז אַ גליק צו האָבן פיר ווענט!

בלײַב איך זיצן אַזוי ווי איך בין.
זיץ איך, האַלט איך דעם קאָפּ מיט די הענט
און איך פֿיל ווי אַלע פיר ווענט
האָבן אויף מיר זיך אָנגעלענט...

1983

# איך בין אַ געוויקס

אַזוי ווי די קרוין בײַ דעם צעדער,
צעצווײַגט איז מײַן לעבן.
אַזוי ווי די זונענבלום,
כ'קאָן זיך אָן זון ניט באַגיין...
און טאָמער איז פעלדזיק דער גרונט,
כ'וועל אַן עצה זיך געבן —
אַרויסשפּראָצן וועל איך סײַ ווי
דורך אַ שפּאַלט אין דעם שטיין.

איך בין אַ געוויקס אַזאַ מאָדנער,
וואָס מענטש איז זײַן נאָמען,
וואָס טייל מאָל פאַרטראָגט אים
דער טײַוול ווייסט ווו נאָר דער ווינט.
נאָר ס'פירט אים דורך טויזנטער יאָרן
צוריק זײַן נשמה,
און ברענגט אים אַהיים,
און אויף ס'נײַ מיט די וואָרצלען פאַרבינדט.

1985

# איך און דער בוים

מיט וואָס געפעלט מיר אונדזער בוים,
וואָס שטייט אַנטקעגן הויז? —
פאַראַנען טעג, איך האַלט זיך קוים.
און ער איז שטאַרק און גרויס.

איך נעם צום האַרצן יעדער זאַג,
פון יעדן אומרעכט כ'לייַד.
און ער, ער טרעפט דעם ערגסטן טאָג
מיט בלעטער ווייך ווי זייַד.

אַלץ איינס אַ רעגן צי אַ ווינט,
אַ האָגל, אַ חמסין —
זייַן שטאַם דעם גלײַכגעוויכט געפינט,
זייַן קרוין איז תּמיד גרין.

בײַ אים איך בעט זיך: זאָג מיר אויס
וואָס מאַכט דיך אַזוי פעסט?
ער זאָגט: — ס'איז מײַן אחריות גרויס —
איך האָב בײַ זיך אַ נעסט!

1983

## נעמט אַוועק

נעמט אַוועק פון מיר די הײַזער!
לאָזט די ביימער נאָר אַליין.
ס׳איז דאָס שענסטע הויז אַ תּפֿיסה,
און דער מיאוסטער בוים איז שיין.

נעמט אַוועק פון מיר די מענטשן!
לאָזט די פֿייגלען נאָר אַליין.
מענטשן ריידן אָפֿט מאָל נודנע,
פֿייגלען זינגען תּמיד שיין.

אָנגעבויט און אָנגעוואַלגערט
ציגל, אײַזן, שטאָל און שטיין...
ווען די וועלט וועט זײַן פֿאַרמויערט,
וועט דאָס לעבן אונטערגיין.

1983

## דאָס שטיינדעלע

פון שיפּועדיקן שטעגעלע
קײַקלט זיך פּאַוואָליע
אַ פּיצימאָנטשיק שטיינדעלע
די גרייס פון אַ פּאַסאָליע...

אין מיטן דרינען קײַקלען זיך?
עס מוז דאָך זײַן אַ סיבה!
אַ גראָז־גריל האָט אַ שטויס געטאָן? —
איז ער אַזאַ מין גיבור?...

אָט לויפן נאָך צוויי שטיינדעלעך —
אַ קלענערס און אַ גרעסערס...
כאָטש כ׳זע אַז קיינער גייט דאָ ניט,
קוק איך זיך אײַן נאָך בעסער.

און מיט אַ מאָל — אַ מיידעלע!
האָסטו געזען אַ ביסל?!
פאַרשטייט זיך, אָט די שטיינדעלעך —
פון אונטער אירס אַ פיסל.

די קוסטעס לאָזן זי אַרויס.
(קוים־קוים איך הער זיי רוישן.)
זי קלײַבט דאָ שווּעמלעך אונטער זיי
און לייגט צו זיך אין קוישל.

כ׳הייב אויף דאָס ערשטע שטיינדעלע,
וואָס האָט געגליטשט זיך הײַטער,
כ׳לאָז עס אַראָפּ אין קעשענע
און גיי זיך ווײַטער.

1985

## נאָר אַזוי!

וויפל מוט דער פויגל דאַרף
אויף צו זינגען אַזוי שאַרף,
אויף צו זינגען אַזוי הויך,
הערן זאָל אין שטוב זיך אויך,
אויפכאַפּן כ׳זאָל זיך באַגינען
פון זײַן פויגל־קול דעם דינעם
און דערהערן גאַנץ געניי:
— אַזוי און אַזוי?
אַזוי און אַזוי.
נאָר אַזוי!

ווען זײַן זמרל כ׳דערהער,
קאָן איך שוין ניט שלאָפן מער.
צו דעם ריטעם פון זײַן ליד
ווערט מײַן אויער צוגעשמידט.
כ׳פּרוּוו דעם פּיצל זאַץ באַזינען,
דאָרט דאָס קערנדל געפינען
אין דעם איינפאַכן געבוי:
— אַזוי און אַזוי?
אַזוי און אַזוי.
נאָר אַזוי!

איך פאַרטראַכט זיך איבער דעם,
און צו ביסלעך איך באַנעם.
ס׳איז דער פויגל דאָך גערעכט!
רק ער פרעגט, און פרעגט מיט רעכט.

ס׳איז די האַמלעט־פּראַגע! נײַערט
אין אַן אויפֿלאַגע אַ נײַער,
מיט אַן ענטפֿער קלאָר ווי טוי:
— אַזוי און אַזוי?
אַזוי און אַזוי.
נאָר אַזוי!

1983

## שיטפון

ס׳געפעלט דאָס וואָרט מיר **שיטפון**!
עס שיט און פליט און יאָגט דיך אָן...
נאָר מיט דערטרינקען האָט דאָס וואָרט
בפירוש גאָרניט צו טאָן.

אַ מבול איז אַן אַנדער זאַך.
דעם מבול ווייסט מען פון תנ״ך.
נאָר רעגענען ווי ס׳הייבט נאָר אָן,
ווערט אין ישראל אַ שיטפון!

ווי קומט עס, ווי אַזוי און ווען?
ס׳איז ערשט אַ טריקעניש געווען!
נאָר ס׳וואַסער לויפט פון באַרג אין טאָל
און גלייַך אַ טומל הייבט זיך אָן:
שיטפון!
שיטפון!
שיטפון!!!

1986

## נאַכטשפּאַציר

**באַלאַדע**

די קאַרש און דער ווײַנשל, די באַר און די פלוים —
ס'איז יעדער אַראָפּ צו בײַ נאַכט פון זײַן בוים.
מע האָט זאַלבעפערט זיך געטראָפן בײַם וועג
און אַלע צוזאַמען שפּאַצירן אַוועק.

די באַר זאָגט: — איר זעט אויפן הימל אַ באַר?
די פלוים זאָגט: — אַ פלוים איז עס, זײ ניט קיין נאַר!
די קאַרש און דער ווײַנשל, זיי האָבן געשוויגן,
געטראַכט: ניט כּדאי צוליב דעם זיך צו קריגן.

זיי האָבן דערקײַקלט זיך ביז צו אַ טײַך,
געשפּרונגען, און שווימען געלאָזן זיך גלײַך.
אין שײַן פון לבֿנה געזען האָט מען קוים
די קאַרש און דעם ווײַנשל, די באַר און די פלוים.

זיי זײַנען אַרויס אויף דעם אַנדערן ברעג.
אַ הילצערנער פּלויט האָט פאַרשטעלט זיי דעם וועג.
די קאַרש און דער ווײַנשל אַדורך זײַנען באַלד.
די פלוים איז געבליבן שטעקן אין שפּאַלט...

די באַר האָט בײַם שטענגל געשלעפּט זי צוריק,
און טאַקע אַרויסגעשלעפּט — ס'איז נאָר אַ גליק!

די קאַרש און דער ווײַנשל — אויף יענער זײַט פּלויט
זיי קוקן אַרום זיך, דערשראָקן אויף טויט.
נאָר וואָס לאָזט זיך אויס? — אַ געוויינלעכער גאָרטן,
ווי דער, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן ערשט דאָרטן,

אויף יענער זײַט טײַך, אין דעם היימישן אָרט,
וואָס איז פֿון דעם נײַעם זיי ליבלעכער פֿאָרט.

ס׳איז גלײַכער אַהיים גיין! זיי האָבן געפֿונען
אַ דורכגאַנג אין הילצערנעם פּלויט, אַ שפּאַרונע,
און ווידער געלאָזן זיך שווימען אין טײַך —
צוויי מאָל אין איין נאַכט! ס׳איז אַוודאי ניט לײַכט.

און ווו איז די באַר איצט, און ווו איז די פּלוים?...
אָט איז זייער גאָרטן! זיי גלייבן זיך קוים.

די באַר און די פּלוים האָבן לאַנג שוין געקערט זיך.
זיי פֿרעגן די קאַרש און דעם ווײַנשל: וואָס הערט זיך?
— וואָס פֿרעגט איר! ס׳איז דאָרטן אַ ליכטיקע וועלט!
און מער נישט אַז איר האָט אונדז דאָרטן געפֿעלט...

1984

## עס טאָגט

פּילן די בלומען אַז ס׳האָט זיך געענדיקט די נאַכט,
ווילן זיי מער ניט דעם טוי אויף די קעפּעלער טראָגן.
איין בלום די צווייטע פרעגט אָן:
— דו ביסט וואַך?
— דו ביסט וואַך?

ס׳נעמט טאָגן!

אָט האָט אויף מיזרח אַ פּאַסיקל גאָלד זיך צעלאַכט.
זוניקע שטראַלן דעם נעפּל דעם גרויען פאַריאָגן.
איין בלום דער צווייטער זאָגט אָן:

— איך בין וואַך!
— איך בין וואַך!

ס׳נעמט טאָגן!

ליכטיקער ווערט! — ס׳האָט אַ ווינטל די בשׂורה געבראַכט.
ס׳רוישן דיביימער, די קוסטעס, ווי זיי וואָלטן זאָגן:
— ס׳איז שוין אַ סוף צו דער נאַכט!

אַלץ איז וואַך!
אַלץ איז וואַך!

זאָל טאָגן!

1924

## צום פייגעלע הינטער מײַן פענצטער

וואָס שרײַסטו מיר אין פענצטער „פיצל, פיצל!" —
איך ווייס, אַז ביסט אַ פיצל, מעגסט מיר גלויבן.
נאָר ווען דײַן קולכל טוט די לופט אַ קיצל,
דערהער איך תּיכּף דורך פאַרמאַכטע שויבן.

דו פלעכסט דײַן נעסט און שרײַסט מיר: „ריטל, ריטל!"
פונקט ווי איך ווייס ניט אַז דו פלעכסט פון ריטלער!
ברענגסט נאָך דעם פעדערלער אין נעסט — אַ מיטל
עס זאָל דאָרט ווערן וואַרעם און געמיטלער.

איך ענדיק שרײַבן, כ'שטעל אַוועק אַ פינטל.
נאָר דו, דו לאַכסט גאָר אָפּ פון מיר, מײַן ברעקל!
שרײַסט מיר אַרײַן אין פענצטער: „טינטל, טינטל!"
און דו פאַרקערסט צו מיר זיך מיטן עקל...

1985

## ווי הייסטו, פייגעלע?

ווי הייסטו, פייגעלע, וואָס דו זינגסט אַזוי שיין,
ווי איז דײַן נאָמען, פייגעלע דו קליין?
זאָג מיר אויפֿן אויערל, איך זאָל פֿאַרשטיין —
ביסט אַ בלויערל?
— ניין, ניין!

זאָג פֿון דײַן נאָמען כאָטש אַן איינציקן אות!
ביסט אַ שוועלבעלע?
— אייס איך וואָס!
ביסט אַ טרילערל, פייגעלע דו מײַן?
אָדער אַ טשיזליקל, קאָן אפשר זײַן?

האָב איך געטראָפֿן? יאָ אָדער ניין?
— יאָ אָדער ניין — איך ווייס ניט אַליין...

איך בין מיר אַ פייגעלע, ווי דו זעסט,
כ׳פּיק מיר קערנדלעך און פלעכט אַ נעסט.
איך בין מיר אַ פייגעלע אַ פלינקס און אַ שיינס,
און ווי מע רופט מיך איז מיר אַלץ איינס!

1985

## איך שפּאַציר

פון אַלע שפּאַצירערס בין איך דער פאַרברענטסטער.
דער מענטש דאַרף געניסן פון זון און פון לופט!
איך שטעק מיך אַרויס דעם קאָפּ פונעם פענצטער,
און זאָגט מיר, אַז איך בין אין דרויסן ניט — פּרוּווט!

איך קאָן מיטן האַלדז, גאָט צו דאַנקען, באַוועגן
אויף רעכטס און אויף לינקס און אַרויף און אַראָפּ.
אַ זעלטענער טאָג! טאָמער מאַכט זיך אַ רעגן,
איז וויפל געדויערט באַהאַלטן דעם קאָפּ?

די וועלט אין דרײַ זײַטן זי ליגט פאַר מיר אָפן.
די פערטע, צום צימער — זי גייט מיך ניט אָן.
דאָרט האָט זיך נאָך קיין מאָל אַזוינס ניט געטראָפן,
ס'זאָל מאַכן אַליין זיך, אויב איך וועל ניט טאָן...

די האָר מײַנע פּאַטלט אַ ליבלעכער ווינטל,
די זון אַזאַ מילדע זיך טוליעט צו מיר.
עס פעלט מיר ניט אײַן גאָר אַ קוק טאָן אויף הינטן —
איך בין איצט ניטאָ אין דער היים, איך שפּאַציר!

1986

## כ׳באַפֿרײַ זיך

ס׳איז שײך צו מעבל, צו קלײדער, צו לידער —
צו אַלץ װאָס עס שאַפֿט אַרום מיר אַ האַרמידער —
צו בריװ ניט פֿאַרענדיקטע, האַלבע עסײען,
צו דעם װאָס מער פֿרײט ניט, װי ס׳פֿלעגט אַ מאָל פֿרײען,
נאָר ס׳קלײַבט זיך און שטױבט זיך
און קריכט אױפֿן קאָפּ מיר...
מיט אָט אַ דעם אַלעם
דאָס לעבן כ׳פֿאַרשטאָפּ מיר.

כ׳באַפֿרײַ זיך פֿון אַלץ. כ׳װאַרף אַרױס און װער ייִנגער.
איך לאָז אױף צו איבערצײלן אױף די פֿינגער:
די נײטיקסטע ביכער, די נײטיקסטע העפֿטן. —
מיט שמאַכטעס אַרומװאַקסן? — פּוסטע געשעפֿטן!

אַרום איז אַ מידבר און ס׳בלאָזן חמסינען,
מע טאָר ניט אַרױסלאָזן דאָס פּונעם זינען!

איז זאָל זיך פֿאַרװאַנדלען מײַן שטוב אין אַ בײַדל,
אַ שטיקל געצעלט אױף די היץ צו פֿאַרמײַדן,
פֿון זאַמד זיך פֿאַרשטעלן, פֿון קעלט און פֿון רעגן.
צו װאָס, כ׳בעט אײַך, דאַרף איך מײַן גאַנצן „פֿאַרמעגן״?!

1983

## סוף זומער

סוף זומער. צוויי נעכט אַז עס רעגנט.
דער הימל ווערט קלאָר צו פאַרטאָג.
די זון אַ דערפרישטע באַגעגנט,
ווי זי וואָלט בײַ נאַכט זיך געצוואָגט.

נאָר ס'טראָגט שוין דאָס גרינס געלע לאַטעס,
עס טרויבערט די ביימער דער ווינט.
און גרויליקע ייִדישע דאַטעס
זיך טוען אין האַרצן אַ צינד...

איך קוק אויף אַ בלאַט אַ האַלבטויטן,
וואָס שאַרט זיך אין מיטן דעם ברוק.
עס טרינקט זיך די שקיעה אין רויטן.
סוף זומער. איך שטיי און איך קוק...

1986

# אויף דער שאַרף פונעם מעסער

## אין אָסיענפעלד

כ׳בין ווי דער אָסיענפעלד פאַראומערט,
דער נײַער טאָג מיך ניט דערמינטערט.
עס פאַלן אָפּ אַלץ שטיקער זומער,
עס קומען צו אַלץ שטיקער ווינטער...

אָט ווי דער אָסיענפעלד כ׳בין אָפן
אַנטקעגן ווינט, אַנטקעגן הימל,
וואָס פונקט ווי גאַרנישט וואָלט געטראָפן,
קוקט צו ווי ס׳וועלקט מײַן לעצטינק בלימל...

כ׳בין ווי דער אָסיענפעלד פאַראומערט.
איז אפשר כ׳בין מיט אים אַ צווילינג,
און מיט דער צײַט פאַר מיר וועט קומען
פונקט ווי פאַר אים אַ נײַער פרילינג?

1986

## אויף דער שאַרף פֿונעם מעסער

נאָך רוישיקע טעג, נאָך שטילע פֿאַרנאַכטן
בלײַבט עפּעס נאָך איבער דערנאָך צו דערטראַכטן.

אויף דעם איז די נאַכט דעם מענטשן געגעבן —
די נאַכט וואָס קען לאַנג זײַן אַזוי ווי דאָס לעבן.

זי וויקלט פֿונאַנדער פֿאַר יעדערן גערן
בײַטאָגיקע בילדער פֿון זען און פֿון הערן.

און מאָדנע: ס׳איז פֿינצטער, נאָר זעסט איצטער בעסער,
אַז אייגנטלעך גייסט אויף דער שאַרף פֿון אַ מעסער.

דו קענסט ניט פֿאַרשטיין, כאָטש פֿאַרשטיין ביסט אַ בעלן,
ווי גיט זיך דיר אײַן גאָר אין אָפּגרונט ניט פֿאַלן,

ווי אַזוי גיט זיך דיר אײַן — אַ גאָטעניו, ליבער! —
אַריבערצושפּרינגען די בערג און די גריבער?!

בײַ טאָג זײַנען זיי מיט אַ נעפּל פֿאַרצויגן.
מאַכט אפשר דאָס האָוועניש בלינד דײַנע אויגן?..

1985

## אין ווי און מוט פון דייַן געמיט

**אויף שמואל האַלקינס הספד האָט אַ דעלע־גאַציע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע גע־בראַכט אין מאָסקווער שרייבערהויז אַ קויש מיט בלומען.**

דיך האָט שוין מערער גאָרניט ניט געאַרט.
נאָר האָסט זיך נאָך צעווישן אונדז געפונען,
ס׳האָט נאָך אין וועג זיך ניט גערירט דייַן טרונע.
דער עולם האָט געשוויגן ביטער־האַרט.
די שווערע קרענץ פון לעבעדיקע בלומען —
ווי בלעכענע. ווי זיי וואָלט מען באַשטעלן
כּדי דעם גרויסן אומרעכט צו פאַרשטעלן...

אַ בלומענקראַנץ פון שרייַבערשן פאַראיין,
פון דעם פאַרלאַג, פון די קולטור־אינסטאַנצן,
פון איינצלנע פּערזענלעכקייטן — קראַנצן.
(די אָנפירונג, זי קען אויף דעם באַשטיין.)
אין ערנוואַך — די באָסן פון פּאַרטיי,
וואָס האָסט בייַם לעבן ניט געליטן זיי.

נאָר ס׳האָט די טיר אָן עפן זיך געטאָן —
אויף מענער־אַקסלען איז אַרייַנגעשווומען
פון צוגעזאָגטן לאַנד אַ קויש מיט בלומען
און מיט אַ מגן־דוד אויבן אָן,

געלאָזן הינטער זיך דעם קראַנצנסטויג
און זיך פֿאַר דײַן צוקאָפּנס טיף פֿאַרנויגט...

דײַן בליק דערוואַכט האָט אויף איין אויגנבליק! —
אַזוי איז יעדן פֿאַל מיר אויסגעקומען.
כ׳האָב גוט געוווּסט: אין ווײ און מוט פֿון דײַן געמיט
האָסטו די ליבע צו דײַן אייגן לאַנד פֿאַרהיט.

1983

## פונקט ווי בײַ אַנדערסענען

פונקט ווי בײַ אַנדערסענען שטייט,
קיין האָר איז ניט פֿאַרפֿעלט:
דער קעניג אין זײַן "נײַעם קלייד"
שפּרײַזט אום איבער דער וועלט...

הײַנט איז ער — יענער, מאָרגן — דער,
עס גייט אים זייער וווּל.
און ס'איז ניטאָ שוין קיינער ווער
זאָל זאָגן — ער איז הוויל.

ווײַל אַלט געוואָרן איז יענץ קינד,
און מער פֿון אַלע שרײַט,
אַז ס'איז דעם קעניגס קלייד געשפּינט
פֿון סאַמעט און פֿון זײַד.

1983

# דער מישפּט

**דער לענינגראַדער מישפּט אין 1964סטן יאָר**
**איבער דעם דיכטער יוסף בראָדסקי.**

ער איז געשטעלט געוועז פאַר דעם געריכט,
פאַר גאָרנישט טאָן, פאַר אומגיין ליידיק,
בעת אַרבעט איז אַ שטאָלץ, אַ פליכט,
וואָס מאַכט דעם מענטשנס לעבן פריידיק.

און ער, אַ יונגער מענטש מיט הענט און פיס
(ער וווינט אין איינעם מיט זײַן מאַמען) —
איז זאָל ער גיין פאַרדינען ווו ניט איז,
צי שטיינער שלעפּן, צי די גאַסן ראַמען...

— אַ גאַנצן ווינטער וואָס האָט איר געטאָן?
— איך האָב פאַרנומען זיך מיט לידער שרײַבן...
נאָר ס׳זאָגט דער ריכטער אין אַ שטרענגן טאָן:
— ווי וואַגט איר דאָ מיט אונדז קאַטאָוועס טרײַבן?!

— איך האָב געשריבן, אויף מײַן ערן־וואָרט,
און איבערזעצט פון אַנדערע אויך שפּראַכן...
— פאַר פוילע תּירוצים איז ניט דאָ דאָס אָרט.
מיר נעמען אין באַטראַכט ניט אָט די זאַכן.

איך פרעג אײַך דיכטלער: וואָס איז אײַער פאַך?
צי איר פאַרדינט פון אומרייינע געשעפטן?
ערשט נאָך דער אַרבעט, כאָטש אַ גאַנצע נאַכט
איר מעגט דאָרט פּאַטשקען לידלעך אין די העפטן...

דער דיכטער שטייט פֿאַרהויבן שטאָלץ דעם קאָפּ
און ווערטער קלאָרע פֿלײַסט זיך אונטערקלײַבן.
דעם ווייפּלטן שווין מאָל ער שטעלט דעם טראָפּ:
— איך אַרבעט. ס'איז מײַן אַרבעט — שרײַבן.

1983

## אין וואַלד

נאָך יענעם שרעקלעכן געוויטער
איז אונדזער וואַלד געוואָרן קראַנק און שיטער.
איבער די צווײַגן גייט אַרום אַ ציטער...

צעדרייטע שטאַמען און צעפּליקטע קרוינען.
דער שטורעמווינט האָט ניט געוואָלט זיי שוינען.
אַ וועוויריק האָט שוין דאָ ניט וווּ צו וווינען.

דאָ קאָן אַ הירש קיין שאָטן ניט געפינען,
די פייגלען ליגט דאָס זינגען ניט אין זינען.
די ערד זאָל כאָטש אַ שוועמל זיך פאַרגינען!

און נאָר די מורעשקעס זײַנען באַשעפטיקט.
דו קוק זיך צו נאָר ווי זיי זײַנען קרעפטיק!

זיי שלעפּן פיצלעך צווײַגעלעך און שטרויען,
און בויען שלעסער אויפן זאַמד, און בויען...

1984

# דאָס אינדזעלע

עטעלע קאָוועטסקי גערוידמעט

ביידע, דורך התפעלות און אַנטוישונגען
זײַנען מיר אַרויס אין ים אין רווישיקן.

און דער ים האָט טראָגן אונדז באַוויליקט —
אונדז ניט אײַנגעשלונגען, ניט פּאַרטיליקט,

אויף די כוואַליעס הויך אונדז אויפגעהויבן
און געוואָלט פֿאַרשרײַען, און געוואָלט פֿאַרטויבן —

מיר, די אויסדערוויילטע זאָלן שווימען מונטער
און ניט וויסן, אַז די שיף גייט אונטער,

און ניט טראַכטן וועגן אינדזעלע דעם קליינעם,
ווו די אָפּגעראַטעוועטע האַלטן זיך אין איינעם.

הינטער זיבן ימען, אונטער זיבן זונען
האָבן מיר מיט דיר דאָס אינדזעלע געפֿונען,

זיך געזעגנט מיט די כוואַליעס, מיט די שטראָמען,
וועלכע האָבן הויך צעקלונגען אונדזער נאָמען.

איין געדאַנק פֿאַרפֿאָלגט אונדז דאָ טאָג־טעגלעך —
צי די שיף איז ראַטעווען נאָך מעגלעך...

1985

## איך לייג אויס צום גוטן

איך גלייב, איך לייג אויס צום גוטן.
אַניט וואָלט געווען דאָך עק וועלט...
וואָס אמת, עס טרעפן מינוטן
ווען אָטעם פֿאַרפעלט.

דערנאָך גייט עס איבער
און ס׳אָטעמט זיך ווידער ניט שלעכט.
און ס׳ווערן נאָך טויזנט מאָל ליבער
די טעג מיט די נעכט.

אויב טראַכטן צום שלעכטן,
וואָלט דעמאָלט דער מאָרגן באַדאַרפט
זיך ענדיקן נעכטן —
בײַ דער שווערד אויף איר שאַרף...

1985

## משוגעת

כ'טאָפּטשע און טאָפּטשע דעם דיל טאָג און נאַכט,
כ'האָב מיט די פּיס אים צעגריבלט, מיר דאַכט,
פיל איך, די שטוב ווערט באַלד ווערן מײַן גרוב —
וויל איך אַרויסכאַפּן זיך פון שטוב...

שטייט אויף דער שוועל אַ משוגענע וועלט,
שׂרפעט פון היץ און שווידערט פון קעלט,
גייט אויס פון הונגער און שטיקט זיך פון זעט,
שלעפּט פאַר די האָר די געשלעבטער אין בעט,
יובלט און נואפט, לאַכט און קראַפּירט —
מאַך איך צוריק צו פּאַוואָליע די טיר.

ליב ווערט די שטוב מיר מיט אירע פיר ווענט.
גוט, וואָס די וועלט האָט זיי נאָך ניט פאַרברענט!
זיץ איך אַ טאָג, און אַ וואָך, און אַ יאָר,
ביז ס'נעמען שטעכן אין קאָפּ מיר די האָר,
ווײַלע איך ווייס דאָך, אַז הינטער מײַן טיר
וואַרט אַ משוגענע וועלט דאָרט אויף מיר,
וואַרט מיך אין דרויסן, נאָר קריכט ניט אין שטוב —
כ'זאָל ניט אַרײַנשלעפּן זי אין דער גרוב,
מורא אַרײַנשטעקן האָט זי דעם קאָפּ —
מיינט אַז איך בין פונעם זינען אַראָפּ...

1986

## צוויי הערצער

צוויי נאַקעטע הערצער פוןביידע זײַט מיר,
וואָס ציטערן, צאַפּלען פון מינדסטן באַריר:
דאָס האַרץ פון מײַן מאַמען, דאָס האַרץ פון מײַן מאַן.
איך טוליע צו זיך ביידע הערצער און שפּאַן...

איך פּרוּוו זיי באַשיצן פון ווינט און פון קעלט.
זיי האָבן ניט קיינעם חוץ מיר אויף דער וועלט.
איך רײַס פון זיך פּאַסן און וויקל זיי אײַן,
דעם חושך צעבראָק איך און מאַך פאַר זיי שײַן.

צוויי נאָענטע, פּײַנפולע הערצער כ׳טראָג מיט.
אַבי נאָר ניט אויסגליטשן זיך, גאָט באַהיט!
אַבי נאָר ניט אײַנלאָזן זיי אויפן וועג,
וואָס ער איז געפלאַסטערט מיט שטיינערנע טעג...

1985

## מײַן מאַמע שווײַגט

וויין, מאַמע! פאַר וואָס וויינסטו ניט?
האָסט זיך דאָך אָנגעליטן אַ לעבן...
צי דו האָסט אַלץ פאַרגעסן
און אַלעמען פאַרגעבן?

שרײַ, מאַמע! פאַר וואָס שרײַסטו ניט?
דײַן האַרץ איז דאָך — אַ שטיק ווייטיק.
ניט קיין רפואות, נאָר אויסשרײַען זיך
וואָלט געווען דיר נייטיק...

רייד, מאַמע! פאַר וואָס רעדסטו ניט?
דײַן בליק איז שטאַר, פאַרגליווערט,
ווי נאָך דײַן אייגענעם לעבן
וואָלסטו זיך אָפּגעזעגנט שיבעה.

רייד, מאַמע!
וויין!
שרײַ!...

1987

## אויסוואַל

יעדער נײַער טראָט — אַן אויסוואַל:
גיין אַהער אָדער אַהין.
יעדער וואָרט — דאָס איז אַן אויסוואַל,
וואָס אין אים איז דײַן פּסק־דין.

ביסט אַ קינד נאָך — איז דײַן אויסוואַל
בײַ דער מאַמען אויפֿן שויס,
ווען דו ציסט זיך צו אַ צאַצקע,
וואָס ניט קלײַבנדיק קלײַבסט אויס.

שפּעטער ציסטו זיך צו מענטשן —
וואַקסט פֿון יענע, גייסט צו די.
דורך דײַן אויסוואַל איז דײַן לעבן
שוין באַשטימט פֿון סאַמע פֿרי.

טייל מאָל שטייסטו פֿאַר אַן אויסוואַל
און דו פֿילסט גאָר ניט אַליין,
ווי דעם וועג קלײַבסט אויס דעם שווערסטן
און דו לאָזסט אויף אים זיך גיין...

1984

♦

ביימער קאָנען ווערן פידלען —
פידלען אָנגעטאָן אין סטרונעס.
דאָס זײַנען די פּײַנע ביימער.
און פון פּראָסטע מאַכט מען טרונעס.

שטאָף קאָן זײַן צי זײַד, צי סאַמעט —
יעדער ווען זאָל פאַר זיך אים.
דאָס זײַנען די פּײַנע שטאָפן.
לײַוונט טויג זיך אויף תּכריכים.

פאַר באַצירונג נעמט מען שטיינער:
גרינע, געלע, בלויע, רויטע...
דאָס זײַנען די איידלשטיינער.
פּראָסטע דעקן צו די טויטע...

1985

# דאָס ייִנגעלע

**דאָס טרויעריק־באַרימט בילד פון דעם ייִנגעלע אין יידישער געטאָ (פוילן).**

דאָס ייִנגעלע מיט די אויפגעהויבענע הענט —
די לופט אַרום אים ווי אַ פײַער ברענט —

ער וועט אייביק בלײַבן אַזוי שטיין
אין מיטן דער וועלט איינער אַליין...

צו אַלע אונדז איז זײַן בליק געווענדט.
יעדע מאַמע האָט אים דערקענט.

ער האָט אויסגעשטעלט די דלאָניעס פאָרויס.
די שרעק אין זײַן בליק איז אַ לעבן די גרויס.

אָט באַלד וועט ער אומפאַלן פון אַ שאָס.
און קיינער וועט קיין מאָל ניט וויסן פאַר וואָס
און ווי אַזוי האָט די וועלט דאָס דערלאָזט...

1986

# טקס

(געשריבן אין קיבוץ אפיקים)

דאָס מיידל פון דער כּיתּה אַלף־יוד
האָט אומגעקערט זיך פון דעם טקס געטאָ־וואַרשע.
איצט שטייט זי דאָ פאַר אונדז און דרשנט.
זי ט׳אַלץ געזען און אַלץ געדענקט זי גוט.

עס זײַנען גלאַט און פליסיק אירע רייד.
אַלץ ניט געכאַפּטערהייט דערציילט זי איבער.
און מיר — מיר וואָלט געוועזן ליבער,
ווען בלײַבן וואָלט זי שטיין צעחושטערהייט.

נאָר ניין! זי שילדערט אָפּ אונדז יעדן טאָג
און חזרט איבער: טקס... טקס... טקס...
די ״טקס״ האַקן זיך אַרײַן ווי טשוועקעס
אין טיפן ווייטיק וועלכן איך פאַרמאָג.

זי טיילט אונדז מיט וועגן די קופּעס האָר,
און בערג מיט קינדערשיך, און קאַסטנס ברילן —
דאָס אַלץ פון וואָס צו ריידן איך פאַרשפּאָר:
דאָס בלוט אין מײַנע אָדערן נעמט קילן...

און אפשר בין איך טאַקע ניט גערעכט...
אָט דאָס מיט וואָס די מענטשהייט דאַרף זיך שעמען,
פון וואָס אין חלום שוידערט דורך די נעבט,
איז גוט, וואָס ס׳קאָן דאָס מיידל ניט באַנעמען?..

1983

## צו די קדושים

„נאָר מיר, נאָר אונדז, נאָר באָרוועס־גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע צעשיסן איז באַשערט".
איציק פעפער

דאָס נעכטיקע איז אײַך געווען באַשערט
(אַזוי האָט איר געמיינט) צעשיסן. —
דערפאַר האָט איר באַזונגען ביקס און שווערד,
ניט וועלנדיק פון גאָרניט וויסן ?

אַליין דער טײַוול האָט מיט אײַך געשפּילט,
פאַר בלוט מיט בלוט פאַראורטיילט צו באַצאָלן,
אין שיינע רייד דעם אומזין אײַנגעהילט,
פון אײַער רויטער גרויקייט אָנגעקוואָלן.

דער וועט ס'וועט זאָגן מיר: צעווישן אײַך
געווען זײַנען חכמים און צדיקים,
דער ווער ס'וועט זאָגן מיר אַז איצט איז לײַכט
באַשולדיקן, צוריק דעם פאָרוואורף כ'שיק אים!

ווײַל איך אַליין בין לײַב פון אײַער לײַב,
ווײַל איך אַליין בין טיילווײַז אויך אַ קורבן,
ווײַל כ'האָב געטרונקען פון צעשמעלצטן בלײַ,
וואָס איר האָט פאַר די דאָרשטיקע דערוואָרבן.

ווײַל איר — איר זײַט מײַן פֿײַנלעכער פֿאַרמעג.
איר זײַט דאָך מײַנע פֿעטערס, מײַנע ברידער!
ווען נאָך אַ ביסל כ׳גיי אין אײַער וועג,
וואָלט איך געוואָרן זיך אַליין דערווידער.

פֿאַרפּלאָנטערטע, פֿאַרבלאָנדזשעטע אין וואַלד
פֿון אונדזער ווילדן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
איינצײַטיק אי פֿאַרשאָלטן, אי געזאַלבט
געווען איז יעדערער פֿון אײַך באַזונדער.

און נאָך. איר זײַט דאָך אַלע ווײַט ניט גלײַך,
ניט אַלע האָבן אַלץ געגנוי פֿאַרשטאַנען.
געווען ראָמאַנטיקער צעווישן אײַך,
געווען פּחדנים, צופּאַסלערס, מאַראַנען...

צו פֿאָרשן איז נאָך איצטער ניט די צײַט.
די וווּנד איז נאָך צו פֿריש, צו גרויס דער ווייטיק.
מיר טאָרן זיך ניט שטעלן פֿון דער זײַט,
דאָס וויכטיקסטע געדענקען איז אונדז נייטיק:

אַז אײַער כּבֿוד זײַן זאָל אָפּגעהיט.
ס׳קאָן אײַער בלוט ניט אויפֿהערן צו זידן,
ווײַל איר זײַט קדושים, וויל ווער יאָ צי ניט —
איר זײַט געוואָרן אומגעבראַכט אַלס ייִדן!

1986

## נאָקטורן

ניט שפּיל מיר קיין מאַרש, נאָר שאָפּענס אַ נאָקטורן.
לבנהדיק־דורכזיכטיק איז דאָרט דער ניגון.
כ׳געהער ניט צו יענע צעברויזטע נאַטורן,
וואָס לעכצן נאָך שלאַכטן און זוכן צו זיגן.

דער טאָג, אונדזער טאָג איז צערייצט און פאַרקנעכטיקט.
די נאַכט ביַי שאָפּענען — פון ריינסטע באַגערן.
אין יעדן נאָקטורן זײַן גאונישקייט נעכטיקט.
מע קאָן דאָרט דערהערן ווי ס׳טריפן די שטערן...

...די טרויב האָט באַפוילן, די פויק האָט געדרשנט,
עס האָבן די טעג זיך געוואָרגן מיט פײַער.
אַך וויפל געדונגענע הימנען און מאַרשן,
וואָס האָבן געמאַכט אונדז דאָס בילקסטע טײַער!

איז שפּיל ניט קיין מאַרש נאָר שאָפּענס אַ נאָקטורן.
איך פיל, דאָרט געפינט מײַן נשמה אַ האָפן.
זי בלאָנדשעט דאָרט אום צווישן געטלעכע שפּורן
אין צײַטלאָזן דויער פון אייביקן שאַפן.

1985

## צוועלפטער אויגוסט

שוין אַזוי פיל יאָר,
שוין אַזוי פיל יאָר! —
און דער ווייטיק ווערט ניט שטילער אויף קיין האָר.
יעדערער פון אונדז פאַרשטייט און ווייסט:
צו דעם אומגליק
איז ניטאָ קיין טרייסט.
אפשר פרוּוון אויסוויינען זיך הויך?
אַלץ דאָס טײַערסטע
אַוועק איז מיטן רויך...
איז צערײַסן כאָטש פון איינזאַמקייט די פענט
און זיך אַלע נעמען פאַר די הענט!

1985

## דאַטעס

מיר זײַנען באַלאַגערט
מיט דאַטעס פון טויטן,
און יעדער געשטאָרבענער
קומט ווי אַ פאַנטאָם.
מיר זײַנען באַלאַגערט!
ס׳וועט באַלד שוין ניט בלײַבן
קיין אָרט אויף אַ שפּאַן טאָן...

מיר זײַנען געפּענטעט
מיט דאַטעס פון טויטן,
וואָס דריקן דעם מוח
און שרײַען און מאָנען.
מיר זײַנען געפּענטעט!
מיר וועלן שוין באַלד
זיך אַ ריר טאָן ניט קאָנען...

מיר זײַנען צעלעכערט
פון אָט אָ די דאַטעס —
מיר האָבן דאָך קיינער
קיין אײַזערנע פּאַנצערס.
מיר זײַנען צעלעכערט!
בײַ אונדז וועט קיין אָבר
ניט זײַן באַלד קיין גאַנצער...

יוני 1987

## פאָטערלאַנד

פאָטערלאַנד — פעסטונג מיט אײַזערנע טויערן!
פאָטערלאַנד — לאַנד פון געבוירן.
פאָטערלאַנד, ביטערלאַנד —
האָסט אונדז דעם לעבן פאַרביטערט.
פאָטערלאַנד, ציטערלאַנד —
יעדערער זיצט דאָרט און ציטערט...

פאָטערלאַנד —
ס׳ליגט אין דײַן ערד דאָרט באַגראָבן מײַן פאָטער.
ווער צו זײַן שטיין וועט איצט קומען,
אַז קיינעם מער האָט ער?...

1986

## אַזאַ נאַכט

ס׳האָט געדונערט, געבליצט און גערעגנט.
כ׳האָב דאָס פענצטער פאַרמאַכט,
ביז אין דער שפּעט געלעגן
און אַלץ געטראַכט:
ווי גוט איז ניט זײַן אונטערוועגנס
אין אַזאַ נאַכט!

יעדעס מאָל אומגעריכט
פלעגט די גאַנצע שטוב זיך באַלײַכטן
מיט אַ שאַרפער ליכט,
און אַ דונער פלעגט זיך פאַרקײַכן.
פון הימל האָבן שווער און געדיכט
געגאָסן זיך גאַנצע טײַכן...

נאָר מיט אַ מאָל
האָט דער דרויסן אָן מײַן וויסן
מיט צעשויבערטן באַרג און טאָל
זיך צו מיר אַרײַנגעריסן,
און ס׳האָט זיך צעדונערט אַ קול:
— דו טאָרסט ניט פון רו געניסן!

ערגעץ דאָרט האָט אַ בליץ
אַ צעדערבוים אונטערגעצונדן...
דער ווינט האָט אַלץ צעשמיצט,
וואָס צונויפגעלעבט און פאַרבונדן.
ניט קיין וואַסער, נאָר בלוט שפּריצט
פון דער ערדס צעעפנטע ווונדן!..

און איך, וואָס געווען בין פֿאַרפּירט
פֿון זאַטער באַקוועמלעכקייט נאַר־וואָס,
האָב אַן עפּן געטאָן די טיר
און שטיין געבליבן באָרוועס.
— וויפל איז דער שיר ?!
גאָט אין הימל, ווי דו האָרעוועסט ! —
און אַלע וועלטן חרובע
האָבן זיך צעיאָמערט אין מיר.

1986

♦

פֿאַרנעמען טיפֿער, שלײַפֿן בעסער,
אַלץ האָרעוועןּ, ניט ווערן מיד!
דאָך דאַכט דיר, אויפֿן שפּיץ פֿון מעסער
האָסטו געגעבן פֿאַר דײַן ליד.

צו יעדן וואָרט ביסט פֿול מיט אײפֿער.
דיך שרעקט, צי ביסטו טאַקע ווערט
דײַן ליד זאָל שאַלן ווי אַ שופֿר
און ווערן ערגעץ ווו דערהערט.

דו לייגסט אַרײַן אין ליד דײַן לעבן
אָט ווי אַ צעטל אין אַ פֿלאַש.
ווען ס'וועט פֿון דיר פֿאַרבלײַבן אַש,
וועט זי דערשווימען, גאָט וועט געבן!

1983

## ווען אַ צוגעשיקטן בוך

אַ לידערבוך דײַנעם
האָסט צוגעשיקט מיר.
איך לייען און לייען —
עס שמעקט מיט פּאַפּיר...

פּאַר לידער איז שרעקלעך
אַזאַ מין סאָרט ריח.
די ווערטער פאַרשטיי איך,
די שורות פאַרשטיי איך,
נאָר ס'ליגט אויף דעם אַלעם
אַ טויטער געפריר,
און ס'שמעקט מיט פּאַפּיר...

דו שרײַבסט ווען נאַכט —
איז איר שוואַרצקייט — בלויז טינט.
אַ קינסטלעכער, פון ווענטילאַטאָר —
דער ווינט.

וואָס איז דען דײַן בוך?
אַ פּאַפּירענע וועלט
וואָס וועט מיט דער צײַט
נעבעך ווערן פאַרגעלט,

אַ וועלט וואָס זי איז
ווי אַ גענעץ די גרויס,
זי וועט פון די טאָוולען
קיין מאָל ניט אַרויס,

זי קען ניט דערפרייען,
זי קען ניט באַטריבן.
אַ שאָד וואָס דאָס ווײַסע פּאַפּיר
איז פֿאַרשריבן...

1986

## צו איינעם אַ דיכטער

אויף צוגן קאָן מען ווײַט פֿאַרפֿאָרן,
נאָר ניט אויף אויסצוגן, מײַן פֿרײַנט.
איך וואָלט עס זאָגן דיר פֿאַרשפּאָרן,
ווען אויף די עלטערע שוין יאָרן
וואָלסט ניט אַרויסגעשטעלט זיך הײַנט
מיט אויסצוגן פֿון לייענער־לויב,
ווי יענער קרעמער אין זײַן שויב.

1983

## רעקוויעם

ווען מען איך זע, זאָג איך אָן:
— געשטאָרבן!
אַ ייִדישער דיכטער געשטאָרבן!
ער האָט אין דער דיכטונג אַ שיינעם אָרט זיך דערוואָרבן.

— אַ דיכטער? אַ וועלכער? פון וואַנען?
געשריבן ראָמאַנען?
אַך, לידער!..
פאַר ווען מען איך לייג ניט זײַן בוך אַנידער,
קאָן שוין אויף ייִדיש ניט לייענען.

...ביכער, ביכער, אַלטע און נײַע,
זיי לעכצן מע זאָל זיי פון שטומקייט באַפרײַען —
ביכער מיט הילעס ווײַסע, בלויע, רויטע,
פון שרײַבערס לעבעדיקע און טויטע,
פון שרײַבערס הײַנטיקע און געוועזענע,
ערשט ניט לאַנג נאָך געשמאַק געלעזענע.

— און אָט איז נאָך איינער פון קאָן אַרויס...
הערט מען מיך אויס, די שטילקייט איז גרויס.
ביז איינער דערמאָנט זיך: — נו יאָ, אַוודאי!
ער האָט געהערט צו דער שיינער דיכטער־פּלעיאַדע.
געשטאָרבן? אַ שאָד! ער האָט גוט געשריבן...
זאָגט, ווער איז נאָך פון די ייִדישע שרײַבער פאַרבליבן?

1985

## צום קוואַל

עס טרעפט,
געציילטע טריט בלויז ביז צום קוואַל,
פון זון געפּלעפּט,
דו טוסט אַ פאַל.
און הערנדיק פון וואַסער דאָס געשאַל,
מיט הענט געשטרעקטע אויף פּאָרויס,
פון דאָרשט גייסט אויס...

נאָר ניין!
מיט מיר
איז ניט דער פאַל.
איך וועל דערגיין
צום שפּרודלדיקן קוואַל,
דערקריכן אויף אַלע פיר!
און מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז,
אין שטויב פון זאַמד און זאַלץ,
צופאַלן צו אים און טרינקען,
טרינקען...

1984

# מיטן כּוח פֿון דמיון

## אין איינעם אַ שיינעם טאָג

אין איינעם אַ שיינעם טאָג,
פון הויז
צו זוכן די שיינקייט מיר פאָרן אַרויס.
זי האָט אונדזערע ביידנס הערצער געפאַנגען.
...נאָר די שיינקייט
קאָן מען צום טיש ניט דערלאַנגען.

און אָט אין אַ טאָג
וואָס אין פענצטער גרויט,
מיר פאָרן אַוועק
נאָך קאַרטאָפל און ברויט.

מיר קומען, מיר עסן
ביז ס׳ווערט אונדז דערעסן.
מיר האָבן אין שטוב
זיך צו פיל פאַרזעסן.

אויף דאָס נײַ
מיר לאָזן אין וועג זיך געשווינד.
וווהין? —
נאָך דער גוטסקייט מיר פאָרן אַצינד.

...מײַן גוט וואָרט,
דײַן גוטער שמייכל...
נאָר צײַט איז
נעמען זיך פאַרן שׂכל!

אויף ס׳נײַ אין צווייען
מיט פוסטע זעק,
אַצינד נאָך דער חכמה
מע לאָזט זיך אין וועג.

מיר קערן זיך אום,
די זעק זײַנען פולע
מיט סאַמע חכמה.
ס׳איז גרויס אונדזער גדולה.

מיר שטייען גאַנץ אויבן
פון חכמה באַהעלט,
און אונטן זיך פּליעסקעט
די נאַרישע וועלט.

נאָר וויי,
צו וואָס מיר זײַנען דערפאָרן!
עס האָט אונדזער לעבן
די שיינקייט פאַרלאָרן...

און אָט אין אַ טאָג
פון די שענסטע טעג
ברענגען די שיינקייט
מיר פאָרן אַוועק.

1984

## ווײַנטרויבן

די זון האָט דורך דעם תּריס, פֿון אויבן
געשיקט דער וואַנט אַ הענגל העלע טרויבן.
די וואַנט האָט זיי צו ביסלעך אײַנגעשלונגען.
בלויז צוויי איז נאָך אַ לאַנגע צײַט געלונגען
צו בלײַבן הענגען קײַלעכדיק און גלאַט —
די וואַנט איז שוין געווען מסתּמא זאַט.

1986

## מיטן כוח פון דמיון

גיך אַזוי, גרינג אַזוי, גאָט צו פאַרדאַנקען,
טראָג איך זיך איבער אין מײַנע געדאַנקען
פון אָט דעם טאָג אָט דעם גרויען און פוסטן
ווו נאָר איך וויל, ווו מײַן האַרץ טוט נאָר גלוסטן!

כ׳דאַרף ניט קיין פּאַס, און איך דאַרף ניט קיין וויזע —
גיי איך שוין אום איבער גאַסן פּאַריזער.
לוווּר, מאָנמאַרט און די זילבערנע סענע
זײַנען אין דמיון נאָך טויזנט מאָל שענער!

רויכיקער בעז־קאָליר רוט אויף די הײַזער.
מאַך איך דורך בלויע בולוואַרן אַ רײַזע.
פּילט אַרום זיך די נשמה ביז טרערן
וויקטאָר הוגאָ, באַלזאַקן, פלאָבערן...

...אָט בין איך שוין בײַ דער לאָנדאָנער טעמזע —
גלײַך מיט מײַן בליק פונעם נעפּל איך נעם זי —
כ׳נעם מיטן ברעג, מיטן פּאַלאַץ צוזאַמען
(וואַרט דאָרט די קעניגין כ׳זאָל זי פאַרגראַמען.)

בײַט זיך די וואַך טעאַטראַליש־טשיקאַווע,
ווילט זיך צו זיי אַ געשריי געבן: בראַוואָ!
גאָלדענע קנעפּ און שוואַרץ־רויטע מונדירן —
טויזנטער יאָר וועט אַזוי זיך דאָ פירן...

פּלוצעם, באַווירקט פון אַן אַלטער לעגענדע,
בין איך שוין אין סקאַנדינאַווישע לענדער!
אַנדערסענס דענעמאַרק קומט מיר אַנטקעגן —
גיי איך און הייב ניט דעם שטויב אויף די וועגן...

אַנדערסענס מעשׂהלעך רינגלען אַרום מיך,
ווייעט פון זיי מיט דער אייביקייט. שטום איך.
האָב איך רעספּעקט פאַר די נאָבעלע דענער —
דאָס וואָס איך ווייס פון זיי, קען ניט זײַן שענער!

...שווים איך און פלי איך און לאָז ניט קיין סימן —
טרעפט מיך אַמעריקע ברייט מיט איר הימן,
גריסט מיך די פרײַהייט — די שטיינערנע לעדי.
זאָג איך: נאָך הײַנט דאַרף איך זײַן אין עין־גדי.
כ'בין אין קיבוץ דאָרט פאַרבעטן צום סדר,
קאָן איך דאָ מער ניט פאַרהאַלטן זיך ליידער...

און ווי פון חלום צו פולער דערוואַכטקייט,
גיי איך אַרויס פון מײַן טיפער פאַרטראַכטקייט,
קום איך אַרויס מיט אַ וועג מיט אַ גראָדן —
פּונקט ווי איך וואָלט זיך אין ים אויסגעבאָדן.

1986

## די וועלט איז שלאָפלאָז

די וועלט איז שלאָפלאָז. קלאַפּט צו מיר בײַ נאַכט
און וויל אַז איך זאָל אויך ניט שלאָפן.
זי האַלט אַ גאַנצע נאַכט די לאָמפּן אירע אָפן
און הוסט מיט נאַפּט, מיט דאַמף, מיט פּראַכט...

די וועלט איז שלאָפלאָז ווי אַן אַלטע פרוי.
זי כליפּעט אין דער פינצטער מיט די ימען,
זיי ווערגן זי ווי דאָס געוויין — אַ מאַמען,
וואָס אירע קינדער זײַנען אויך שוין גרוי,

וואָס אירע קינדער זײַנען אַלט גענוג,
נאָר ווייסן אַלץ ניט ווי אַזוי צו לעבן.
די וועלט, זי האָט זיי אַלצדינג אָפּגעגעבן
זיי זאָלן זײַן דערפאַרן, גליקלעך, קלוג.

נאָר אַלץ האָט זיך באַקומען ניט אַזוי...
איז רײַסט זי דורך די נעכט פון קאָפּ די ביימער
און וועקט מיך, כ׳זאָל זי ראַטעווען פון אימה,
זי, אָט די מידע וועלט, די אַלטע פרוי.

נאָר איך בין שלעפעריק און הער זי שלעכט.
נו מאַלע וואָס מיט איר האָט דאָרט געטראָפן!
וואָס האָט זי זיך געמאַכט אַ מאָדע דורך די נעכט
באַקלאָגן זיך און מיך ניט לאָזן שלאָפן!

אָט טריקנט איר דער דער מידבר אינעם האַלדז,
אָט ווערן איר די בערג פון וויי געשוואָלן...
און איך? זי מיינט אַז איך דערצייל איר אַלץ?
אויך מיר ניט גרינג איז. קומט מיר צו באַצאָלן?

איך דריי זיך אויס צום וואַנט און לאָז די וועלט
מיט אירע וועלטפּראַגן און קאַטאַסטראָפן.
זי האַלט אַ גאַנצע נאַכט די לאָמפּן אירע אָפן
און קלאָגט זיך אַז מײַן מיטגעפיל איר פעלט.

## ווײַסע פּערזן

### א

די רויטקייט פונעם רויען פליישׁ,
די בלייכקייט פונעם רויען ברויט,
די גרינקייט פונעם יונגן אויפּס
איינס און דאָס זעלבע איז —
דאָס אַלץ איז רוי.

### ב

ווי פֿײַנלעך איז דער איבערגאַנג
פון קינד צו מיידל,
און דערנאָך — צו פרוי —
צו יונגער פרוי,
צו מיטל־יעריקער,
צו עלטערער.
און איצט, ווען קוים איך האָב זיך צוגעוווינט,
וואַרט ווידער מיך אַן איבערגאַנג.
וווהין ?

### ג

אַ לעבן לאַנג
ווי גאַנצקייטן כ׳צעשטער :
איך בײַס אַן עפּל אײַן,
ברעך אָפּ אַ צווײַג,
דעם שטיין צעקרישל איך,
האַק דורך דעם באַרג...

## אַ לעבן לאַנג

ווי גיכקייטן כ׳פאַרהאַלט.
דעם הירש איך פּענטע
און פאַרשטאָפּ דעם שטראָם,
איך כאַפּ דעם פויגל,
איך שפּאַן איַין דעם ווינט...

אַלץ נײַע גיכקייטן און גאַנצקייטן איך שאַף,
וואָס זיי זײַנען דערווידער דער נאַטור.
און זי, זי נעמט פון מיר נקמה, —
ס׳צעשטערט מײַן גאַנצקייט
די גיכקייט פון דער צײַט...

## דער באַרג

עס האָט דער באַרג פֿון שטענדיק מיך געלאָקט.
אים אויפֿהייבן האָט מיך געצויגן שטאַרק.
און כאָטש עס קאָן קיין מענטש ניט אויפֿהייבן אַ באַרג,
האָט דער פֿאַרלאַנג אין מיר גענעכטיקט און געטאָגט.

איך וואָלט מײַן גאַנצן כּוח ניט געקאַרגט.
זיך אונטערשטעלן האָט גענאָגט מײַן קאַרק
פֿון יענער זײַט ווו ס'האָט דער באַרג פֿאַרמאָגט
אַ שטיק אַראָפּהאַנג ווי אַ ריזנהאָק.

איך האָב געגלייבט: ווען יעדערער פֿון אונדז
וואָלט אויסלערנען זיך אָט די שווערע קונסט,
וואָלט מען אויף טויזנט מאָל צען טויזנט הענט
דעם באַרג צום הימל אויפֿהייבן געקענט!

נאָר שפּעטער האָב איך גוט אַרײַנגעקלערט:
אַפֿילו ווען דער נס מקוים ווערט,
דער באַרג, ער וואָלט ניט ווערן העכער אויף קיין האָר.
בלויז אונדז וואָלט ער אַרײַנגעקוועטשט אין דר'ערד...
(דאָס איז ביז הײַנט נאָך ווײַט ניט יעדן קלאָר.)

1983

## זייער אַש

שאַט, ברידער ייִדן, מאַכט ניט קיין רעש,
נאָר ווייסט: אין דער לופטן פליט אום זייער אַש —
דאָס אַש פון די קדושים מיט שרעק איך דערקאָן.
מיט דעם איז אוממעגלעך עפּעס צו טאָן.
נאָך זייער פאַרשווינדן, נאָך זייער ניט זײַן
דעם אַש אין די לונגען מיר אָטעמען אײַן...

און איינער פון דרײַ, צי איינער פון פיר
כאַפּט אויף זיך בײַ נאַכט מיט אַ קרעכץ: וויי איז מיר!
און איינער פון דרײַ, צי איינער פון צוויי
באַהאַלט אין די אויגן אַ שטומען געשריי.

און עמעץ באַמערקט ניט אַז ס׳ליגט אין זײַן טאַש
אַ שטויבעלע אומקום, אַ פּיצעלע אַש,
אַ ברעקעלע אַש פליט אַרײַן דורכן מויל,
אַ בלעטעלע אַש קלעפּט זיך צו צו דעם זויל...

איז וואָס איז דער וואונדער ווען ס׳ווערט אומגעריכט
בײַ איינעם פאַרשטעלט פאַר די אויגן דאָס ליכט —
מע ווייסט ניט פאַר וואָס, מע ווייסט ניט פאַר ווען
אַ לעבן ווערט אָפּגעווישט, ווי ניט געווען?

און וואָס איז דער ווונדער ווען צען מיט אַ מאָל,
צי צוואַנציק, צי הונדערט צעברעכן דעם עול
פון חוב און דעם חילוק פון מעג און ניט מעג,
און העפּען אַוועק אָן אַ וועג אָן אַ שטעג?

שאַט, ברידער יידן, מאַכט ניט קיין רעש,
נאָר ווייסט: אין דער לופטן שוועבט אום זייער אַש...

1986

## ווינטערנאַכט

### א

איז מיר ווינציק געווען די קאָלדרע,
האָב איך צוגעדעקט זיך מיט דעם באַלקן.

איז מיר ווינציק געווען דער באַלקן,
האָב איך צוגעדעקט זיך מיטן דאַך.

איז מיר ווינציק געווען דער דאַך,
האָב איך צוגעדעקט זיך מיט דער נאַכט.

די נאַכט איז דורכויס צעלעכערט פון שטערן,
קען איך נאָך אַלץ דערוואַרעמט ניט ווערן.

### ב

פליִען ווי די ווײַסע פליגעלער
ברעקלער וואָל פון מײַנע ציגעלער,
וואָס איך האָב אַ מאָל פאַרלאָרן
אין דעם טאָל פון מײַן זכּרון.

ערגעץ אין אַ ווײַטן נעכטן
האָט מען זיי באַוויזן שעכטן,
איז אַ ביסל וואָל פאַרבליבן,
וואָס די צײַט האָט עס צעריבן...

פליִען ווי די ווײַסע פליגעלער
ברעקלער וואָל פון יענע ציגעלער.

ג

אין דער ווינטערדיקער נאַכט
אַרט מיך שוין ניט וואָס איך טראַכט.

ווי ס׳נעמט טאָגן אויף דער גאַס,
ווערן מײַנע שויבן נאַס.

ס׳הערן מיך די שויבן קלערן
און באַגיסן זיך מיט טרערן...

1984

# און לאַנג אַזוי

און לאַנג אַזוי כ׳פלעג קוקן אויף אַ בוים
ביז זיך אַליין פאַר זײַנס אַ צווײַג דערפילן —
ווי זײַן כ׳וואָלט אויסגעשטרעקט אין רוים
און ס׳וואָלט אַ ווינטל מײַנע בלעטער קילן,
וואָס ווי די הענטלעפל זיי זײַנען פילבאַר
און פליעסקען שטיל, און לויכטן אָפּ מיט זילבער.

און לאַנג אַזוי כ׳פלעג קוקן אויפן טײַך
ביז זיך אַליין שוין פאַר אַ כוואַליע פילן —
ווי כ׳וואָלט זיך קײַקלען העל און לײַכט,
ניט אויפהערן זיך אַלץ צו שפּילן.
בײַ יעדן וויג, בײַ יעדן הוידע
זיך מיטן טײַכבערג טאָן אַ סודע...

און לאַנג אַזוי כ׳פלעג קוקן אין דער הויך
ביז פאַר אַ וואָלקנדל כ׳פלעג זיך אַליין דערפילן —
אַ וואָלקנדל וואָס דורך־און־דורך זיך לויכט,
אַ טיפע בלויקייט טוט אין זיך פאַרהילן,
און קוקט אַראָפּ צום מיידעלע אויף דר׳ערד,
וואָס האָט צו זיך אָט ערשט זיך אומגעקערט...

1983

♦

מיר חלומט זיך, איך בין אַ שטאָטישער בוים,
מײַן שטאַם — אין אַספּאַלט דערוואָרגן.
אויף די ליפּן — פון צוויט דער שוים,
דער שטאַם איז — מײַן לאַנגער גאָרגל...

שרײַ איך צום גערטנער: — ראַטעווע, גוואַלד!
איך וועל דאָך דערשטיקט באַלד ווערן...
האַק אויס אַ פּירעק אינעם אַספּאַלט! —
נאָר דער גערטנער וויל מיך ניט הערן.

...מיר חלומט זיך, איך בין אַ פויגל. מײַן נעסט
איז ערגעץ דערנעבן אַ קוימען.
אַ רויך אַ געדיכטער די אויגן עסט,
אַנטענעס דעם וועג פאַרצוימען...

שרײַ איך צום מער פון דער שטאָט: — הער מער,
שפּענדעט מיר שטח אַ ביסל! —
זאָגט ער, ס׳איז הײַנט מיט שטחים שווער,
און איך וואָלט געמעגט עס וויסן.

כאַפּ איך זיך אויף. ס׳איז מײַן צימער גערוים.
די לופט איז מיט זון אָנגעזויגן.
כ׳פאַרגעס גלײַך אַז איך בין געווען אַ בוים,
און אַז איך בין געווען אַ פויגל.

1986

## דער בריוון־טרעגער

איך זיץ אין צימער שטומערהייט,
מיט בענקעניש פּאַרווייט.
און ערגעץ דאָרטן אויף דער גאַס
דער בריוון־טרעגער גייט.

זײַן רענצל איז פון בריוו צעשפּאַרט,
זײַן טראָט איז גיך און האַרט.
ס'קאָן זײַן, ער טראָגט אָט יענעם בריוו
אויף וועלכן יאָרן כ'וואַרט.

ער שטעלט זיך אָפּ און ווײַטער אײַלט,
ער איז נאָך פּאַר אַ מײַל,
ער טראָגט פּאַר מיר דעם גוטן בריוו,
און איך גיי אויס דערווײַל...

עס טוט אַ זעץ פון בלוט אַ שטראָם,
עס הילכט אין קאָפּ "באָם, באָם"!
עס קומט צו פליִען ווי אַ ווינט
מגן־דוד אדום.

ער כאַפּט אַרײַן מיך אָן שום רייד
און טראָגט מיך ווילדערהייט.
און אים אַנטקעגן, צו מײַן שטוב
דער בריוון־טרעגער גייט.

1984

## אַמיל־אַמאָל

די מיל וואָס שטייט אין וואָרט אַמיל־אַמאָל —
עס האָט די צײַט געמאַכט פון איר טיל־תּל.
ווען ס'טרעפט אַ שטאַרקער ווינט, זי טוט אַ מאָל
דעם אָנגעהויפּטן שטויב און ניט קיין מעל.

זי איז אַ מאָל געווען שפּאָגל נײַ
מיט געלבלעך־רויטע ציגל אין די ווענט.
נאָר דאָס איז אַלץ געווען און איז פאַרבײַ,
און קיינער וואָלט דאָ העלפן ניט געקענט.

ווײַל קיינער האָט קיין מאַכט איבער דער צײַט
און ס'האָט די צײַט קיין מאַכט ניט איבער זיך.
אַמיל־אַמאָל. ס'איז אומגעהײַער ווײַט!
נאָר הײַנט האָב איך דערזעען אומגעריכט

פון דעם אַמיל־אַמאָל די מיל...

1986

## רו

שטיל טריפט די נאַכט מיט אַלע אירע קלאַנגען.
כ׳שטרעק אויס מײַן בליק אַ שטערן צו דערלאַנגען.
די וואָלקנדלעך ווי פעדערן כ׳צעגריבל.
און פאַר דעם קוימען פון אַ שטיבל
איך לאָז אַ פרײַען אָרט אין רוים.
כ׳רוף מיט מײַן בליק אַרויס די בלעטער פונעם בוים. —
זיי ענטפערן מיר אָפּ מיט שטילן פלאַטער,
ווי זיי וואָלטן געוועזן אײַנגעמאַטערט.
דאָ, אין דער ענגשאַפט פון דער נאַכט,
ווו יעדעס שטויבעלע איז אָפּגעוווגן,
בלײַבט איבער שטענדיק אָרט פאַר מײַנע שווימענדיקע אויגן.

און ווען די אויגן איך פאַרמאַך,
ווערט אַלצדינג בלינד.
און אַלץ וואָס ס׳האָט מײַן בליק פאַר זיך געמאַכט,
צעפלעכט זיך און צעבינדט,
צעשטויבט זיך אויף קלענסטע טײלעכלעך
און רוט, און רוט...

## וועלט־אונטערגאַנג

די וועלט גייט אונטער,
ס׳לעשט זיך אויס די וועלט.
און דאָס איז ניט קיין אומגליק,
ניט קיין ווונדער.
די וועלט האָט ווי די זון
אַ לאַנגן ״טאָג״ געהעלט.
איר אָוונט איז —
דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט.

די וועלט גייט אונטער
ווי די זון פאַר נאַכט.
נאָר ס׳הייסט ניט,
אַז עס פאַלט אויף דר׳ערד דער הימל.
ס׳האָט גאָט אַ וועלט מיט וועלטן
צוגעטראַכט.
און אונדזער וועלט איז אין זײַן האַנט —
איין בלימל.

איין בלימל
מיט דעם איינציקן בלויז מיין
(און אפשר אָן אַ מיין,
אומגערן ?) —
פונאַנדערבליִען זיך,
זײַן געטלער־שיין,
דערנאָך פאַרוועלקן
און ניט ווערן.

1986

## קורצע אייביקייט

ווי ווײַט איז פון האָמערן ביז שעקספּירן,
פון מיקעלאַנדזשעלאָ און ביז ראָדענען?
געננוג איין שורה אויף צו קענען
צוזאַמענבערענגען זיי אין פּירן!

ווי ווײַט איז דען פון אָדמען און חוהן
צום בחור הײַנטיקן דעם קוטשעראַוון,
וואָס גייט און האַלט זײַן מיידל פעסט געאָרעמט,
אַרום — דער שטאָטישער גן־עדן ליאַרעמט?

ווי ווײַט איז פון דער ערד דען ביז די שטערן,
פון מײַן ניט זײַן נאָך ביז צו מײַן ניט ווערן?
ווי ווײַט איז דען פון קלערן, קלערן, קלערן
ביז צו דערטראַכטן זיך און ניט משוגע ווערן...

1983

## ווען ס׳זעט ניט קיינער

זעסט אויס מיר — אַ גרויסער באַוווּלטער פויגל.
אַ פויגל זאָל האָבן לענגלעכע אויגן,
און האַלטן די פליגלען צונויפגעצויגן ? !

אַ פויגל אַזאַ מין — בײַ מיר בלויז איינער !
דו זיצסט אַ טרויעריקער, ווי פאַרשטיינערט.
דו פליסט אין די הימלען ווען ס׳זעט ניט קיינער.

אַ פויגל אַזאַ, וואָס בלויז איך פאַרשטיי אים
און פרוּוו באַשיצן פון ווינד און ווײ אים
און גיב אַנשטאָט קערנדלעך זיסע טיי אים...

אַז יעדעס פעדערל דײַנס איז מיר אייגן,
וואָס אַנדערש איז ווי בײַ אַלע פייגל. —
איך ווייס ווי די פליטערלעך זײַנע זיך לייגן...

און ווילסטו, וועל איך אויף אַ וואָלקן דיך וויגן,
און ווילסטו, איז וועל איך אַ ווינט פאַר דיר קריגן,
ער זאָל, ווען וועסט פליִען, דיר קעמען די פליגל...

אַבי זאָלסט ניט זיצן אַזוי אַ פאַרשטיינערט,
אַבי זאָלסט ניט דאגהן, דו קינד דו איינער !
דו פליסט דאָך צום הימל ווען ס׳זעט ניט קיינער.

1985

## איך הער זיך צו

ביסט אין צווייטן צימער,
און איך פּרוּוו פֿון ווײַטן
יעדן קלאַנג באַשטימען —
וואָס ער קאָן באַדײַטן.

ליב אַזוי צו הערן
ווען צו מיר דערלאַנגען —
קומען און ניט ווערן
קלאַנגען, קלאַנגען, קלאַנגען...

אָט אַ צײַטונג בלעטערסט,
אָט דעם פֿענצטער עפֿנסט...
נאָך אַ ווײַלע שפּעטער
פּרוּוו איך מער ניט טרעפֿן...

טראַכט איך אויס אַ וועלדל
בלעטערדיק פֿאַרלאָזן,
און אַ שטעכלער דאָרטן
שאַרט זיך אין די גראָזן —

טופּעט מיט די פּיסלעך,
קען גאָר שטיל ניט ווערן...
כ׳דרעמל אײַן צו ביסלעך
פֿון דעם זיסן הערן...

1986

## בײַ דעם שרײַבטיש

קיין מאָל קאָן איך ניט רויִק מיט אַ פּעדער אין האַנט זיך זעצן.
מיר שטעלט זיך אַנטקעגן דער שרײַבטיש
מיט זײַנע מאָדנע געזעצן.
מײַן ליד ערגעץ ווײַט מיך פֿאַרפֿירט,
אויף אַ וועג אַ ניט אויסגעקלאָרטן,
און דער טיש האָט אַ שיר, —
ער פֿאַרנעמט אָרט פֿון דאַנען ביז דאָרטן.

ער אײַפֿערט מיך צו מײַן מוזע,
און וויל אונדז שטענדיק שטערן.
ער קלערט אויס אויף זיך שטויב
כּדי איך זאָל ניט קאָנען קלערן.
פֿאַרחושט די פּאַפּירן כ׳צעלייג
און כ׳לייג זיי ווידער צוזאַמען...
דער האַרמידער וואַקסט אויף מײַן טיש
וויפֿל איך זאָל ניט ראַמען.

די בלײַפֿעדערס מישן זיך אויס,
די שרײַבמאַשין קריכט אין די אויגן,
דער טישזייגער גרילצט,
פֿון צײַטונגען אַ פֿאַרפּלייצונג...
עס פֿאַרבלײַבט ניט קיין ברעקל אָרט
פֿאַר מײַן ווײַסן בויגן.
איך בין אומבאַהאָלפֿן,
איך קאָן זיך ניט געבן קיין עצה.

און — אַ כּישוף אַ מין! — אַט דערהער איך,
ווי אין פיבער:
דער האַרמידער אויף מײַן טיש
מיט מײַן אומרו רופן זיך איבער.

דער אומרו:
— ס'איז נאָך ניט דאָס! מע וואָלט דאַרפן...
דער טיש:
— אַלץ איינס וועל איך אַלץ דאָ בײַ דיר צעוואַרפן...
דער אומרו:
— זוכן און נאָר ניט אָפּלייגן אויף שפּעטער!
דער טיש:
— עס וועלקן אויף מיר די פאַרשריבענע בלעטער...
דער אומרו:
— עס וואַקסט אויף מיר צײַט...
דער טיש:
— עס וואַקסט אויף מיר שטויב...

שטיל.
בלויז דער טישזייגער טיאַכּעט טויב.
...מיט אַ מאָל קומט פון אינעווייניק אַ געזאַנג.
רופט און מינטערט.
איך טראָג זיך אַוועק צו מײַן ליד.
דער שרײַבטיש בלײַבט ווײַט אַהינטער.

## כ׳וואָלט וועלן אויסבויען אַ ליד

כ׳וואָלט וועלן אויסבויען אַ ליד
אַט ווי מע בויט אַ פּאַלאַץ.
אַז זײַן זאָל דאָרטן אָפּגעהיט
און אָפּגעמאָסטן אַלץ.

ס׳זאָל טיר מיט פענצטער, זײַל מיט זײַל
זיך בינדן און זיך קלעפּן.
מע זאָל דעם פּאַלאַץ פאַר אַ מײַל
דערזען און נחת שעפּן.

די מירמלטרעפּ, זיי זאָלן גיין
אַלץ ווײַטער און אַלץ העכער.
דער פּאַלאַץ זײַן זאָל גרינג און שיין
און לויכטן ווי אַ בעכער.

מײַן פּאַלאַץ אויסגעבויט זאָל זײַן,
ווי ס׳קומט מיר אויפן זינען,
וואָלט יעדנס האַרץ אַהין אַרײַן
און קענען רו געפינען,

געפינען קענען שפּײַז פאַר זיך,
דעם דאָרשט מיט וואָס צו שטילן,
זײַן פרײַ אין גאַנצן פון דעם פליכט
מײַן אָנוועזנהייט פילן.

1983

## אַ שמועס מיט דעם סטאָליער

— סטאָליער, סטאָליער! מאַך מיר אַ פענצטער
איך זאָל אין אים זען די גאַנצע וועלט!

— איך קאָן דיר מאַכן אַליין בלויז דעם פענצטער.
און דו זע דאָרט וואָס דיר געפעלט...

— סטאָליער, סטאָליער! מאַך מיר אַ טיר,
זי זאָל זיך פאַר יעדערן עפענען ברייט!

— איך קאָן דיר מאַכן אַליין בלויז די טיר —
פאַרמאַך זי און עפן געזונטערהייט!

— סטאָליער, סטאָליער! מאַך מיר אַ בעט
מיט זיסע חלומות און שטאַרקן שלאָף!

— איך קאָן דיר מאַכן אַליין בלויז דאָס בעט,
נאָר פאַר קיין חלומות איך האָב ניט קיין שטאָף...

— סטאָליער, סטאָליער! מאַך מיר אַ טיש
אַן אַרומגעזעצטן מיט גוטע פרײַנד!

— איך קאָן דיר מאַכן אַליין בלויז דעם טיש.
און אין פרײַנד איז אַ גרויסער דוחק הײַנט...

1983

## פון טאַטנס צד

### פּאָעמע

**1**

פון טאַטנס צד שטאַם איך פון פּוילישע ייִדן.
(אַפילו באַשטעטיקן דאָס איז ניטאָ ווער.)
מײַן קאָפּ שפּאַר איך אָן מײַן שווערן און מידן
צום ריזיקן שטיין פון מײַן ייִדישן עבר.

איך קאָן ניט מײַן עבר. אַז וואָס איז צו ריידן! —
אַ לעבן געוועזן אַ משונהדיק ווילדער.
פון טאַטנס צד האָב איך מײַן באָבען און זיידן
קיין מאָל ניט געזען אַפילו אויף בילדער.

נאָר עפּעס געשעט מיטן מענטש אויף דער עלטער —
רוף אָן דאָס פּאַטאַלקייט — נאָר איינס איז דער עיקר:
מײַן עבר, וואָס ער האָט אַ לעבן געפעלט מיר,
איצט ציט מיך בײַם אַרבל און רײַסט פון מיר שטיקער.

דו הערסט מיך, מײַן זיידע פון נעכטיקן פּוילן?
כ׳וועל לאַנג אַזוי שרײַען ביז דו וועסט דערהערן,
און אַלץ וואָס פאַר מיר דורך דער צײַט איז פאַרהוילן
וועט קומען צו שווימען מיט טײַכן פון טרערן.

קען ערגער אַ קללה דען זײַן ווי ניט וויסן
די אייגענע וואָרצלען וואָס האָבן גענערט דיך?
מײַן עבר! כאָטש ס׳קומט מיר, דו זײַ ניט פאַרביסן,
צעעפן פאַר מיר דײַנע אוצרות, כ׳באַשווער דיך!

די ברעקלעך ידיעות וואָס כ׳האָב פון מײַן מאַמען —
פון קייטלעך צעשאָטענע — איינציקע רינגען,
מיט אָטעם פאַרהאַלטענעם קלײַב איך צוזאַמען,
כ׳וויל עפּעס צונויפשטעלן, אויב ס׳וועט געלינגען.

2

מײַן טאַטע האָט געלערנט אין ישיבה,
געזאָלט באַקומען סמיכות אויף רבנות.
געזאָלט האָט ער... נאָר ניט באַוויזן טאָן עס —
אַרײַנגעפאַלן אין אַן אַנדער סביבה.

די סביבה האָט געהאַט אין יענע צײַטן
אַ שלעכטן שם פון אַ מין כאָפּטע שלעפּערס.
טעאַטער־קונסט? — אַ חרפּה גאָר פאַר לײַטן!
שוין בעסער זײַן אַ שוסטער צי אַ שטעפּער.

און ער, מײַן טאַטע, דאָס בלויאויגיק ייִנגל,
דאָס בחורל מיט פּאות און מיט ציצות
איז אָפּגעזעסן שעהען אין אַ ווינקל
אויף פאָרשטעלונגען און אויף רעפּעטיציעס.

3

— אַוועק דער סופלאָר!
— איך ריר זיך פון זינען!
— ווו וועט מען אַ נײַעם סופלאָר איצט געפינען?
— פאַרפאַלן, אַן אומגליק! ס׳איז גאָרניט צו מאַכן,
— ס׳וועט אויסקומען סײַדנס דעם טעאַטער פאַרמאַכן...

נאָר דאָ גייט אַ בחורל צו צום דירעקטער.
— איר וועט אפשר הייסן מער אויספּריוון? — פרעגט ער.
— די ווייסט דען די פּיעסע?
די קענסט דען סופלירן? —
אַט גייען צו צוויי,
אַט שטייען שוין פירן,
אַט האָט זיך פאַרזאַמלט אַ רעדל אַקטיאָרן,
זיי לאָזן צום בחורל אויס זייער צאָרן.
— ביי אינדז איז אַן אימגליק אין די מאַכסט געלעבטער
— פין דיר קען אַ שמשׂל זיין ניט קאַ שלעכטער.
נאָר בינע, טעאַטער — ווי קימסטי דען וויסן?
— איז גיי דיר אַהיים, לאָז דיין טאַטעשי גריסן!

4

נאָר די אַלטע פּרימאַדאָנע הענריעטע
איז אַראָפּגעגאַנגען פון די בינע־ברעטער,
אָנגעקוקט די לצים די אַקטיאָרן —
זיינען זיי די רגע שטום געוואָרן.

— בחורל, איך הער דו ווילסט סופלירן?
ברענגט די פּיעסע און מאַכט צו די טירן!
— — — — — — — — — — — — — —
— קיק אים און! ער קען דאָך אַלע ראָלן! —
האָבן די אַקטיאָרן אָנגעקוואָלן, —
היינט דוס לשון זאַנס, זאָלסט אַזוי לייבן! —
קורץ — מע האָט סופלירן אים "געגייבן".

5

אָבער אין דער היים, מײַן טאַטנס היים
איז אַ מלחמה אָנגעגאַן געהיים.
— טעאַטער גאָר? צו יענער באַנדע שלעפּערס?
בעסער ווער אַ שוסטער צי אַ שטעפּער,
נעם אַ בײַטש און ווער אַ בעל־עגלה...
"דאָרטן" זיצן דאָך רבנים גאָלע!

אַז וויי און ווינד איז צו די טעג און יאָרן!
געהאַט אַ זון אַן עילוי און פאַרלאָרן...
מײַן באָבע האָט געפּרוווט פון פענצטער שפּרינגען,
פאַרשילטן אים האָט צוגעזאָגט דער זיידע.
...און ווײַטער ווייס איך גאָרניט וועגן ביידע.
און ווײַטער — פרעגט מיך עפּעס גרינגערס.

6

איך ווייס נאָר, ס'האָט אַ סך שטודירט מײַן פאָטער.
אַ נײַ טעאַטער אויסגעבאָוועט האָט ער.
ווער האָט געחלומט דען אין יענע יאָרן
צו לערנען פּלאַסטיק, דיקציע די אַקטיאָרן?

אין דעם טעאַטער ווערסט ניט צוגענומען
דערפאַר נאָר, וואָס פאַרמאָגסט אַ סך קאָסטיומען,
צי האָסט אַ קול אויף יענעם איבערשרײַען.
דאָ איז אַן אָנהייב פון אַ וועג אַ נײַעם.

און אַט, ניט צו דערקענען איז געוואָרן
די אַלטע אויסגעוואַלגערטע אַקטיאָרן.
ווער ס׳האָט געהאַט טאַלאַנט, האָט גלײַך פאַרשטאַנען:
בײַ וועמען לערנען זיך איז דאָ פאַראַנען.
און ס׳זײַנען צו מײַן פאָטער גלײַך אַריבער
אַזעלכע נעמען ווי עפשטיין און ליבערט.*

7

צו פוס, אויף פערד־און־וואָגן און אויף צוגן
פון שטעטלעך אָנגעקומען איז אויך יוגנט.

אַ טאָכטער פון אַ שמיד, אַ שוסטערס יינגל...
און דער אַדרעס איז: קיִעוו, ״אונדזער ווינקל״.

מײַן פאָטער קוקן אַלע אין די אויגן, —
מע וועט זיי צונעמען? זיי וועלן טויגן?

ס׳איז אונדזער שטוב געוואָרן אַן אַכסניה.
היינט נעכטיקט באַסינאַ און מאָרגן פּאַניע...

אַקטיאָרן היימלאָזע אַ גאַנצער צעטל.
אויב ס׳קומט אַ קינד, איז שלאָפט עס אין מײַן בעטל.

און מיר געפעלט, פאַרשטייט איר דאָך מסתּמא,
צו שלאָפן אויפן דיל מיט טאַטע־מאַמע.

ליגט מיט אַ קוש די מאַמע מיך אין מיטן.
— דו זאָלסט אויף אונדז ניט וואַרטן, גאָט זאָל היטן!

---

* באַרימטע יידישע אַקטיאָרן.

איך אָבער וואַרט און האַלט די אויגן אָפן.
נאָר זייער אָנקומען פלעג איך פאַרשלאָפן...

— — — — — — — — — — — — — —

ווער האָט געקענט פאָרויסזען! נאָך אַ ביסל —
מײַן טאַטן וועט מען אויפן וועג צעשיסן,
איך מיט דער מאַמען — אָן אַ נעסט צוויי פייגל.
ניט זײַן וועט ווו דעם קאָפּ אַנידערלייגן...

8

דער מאַמעס מאַמע רופט מען באַבינקע.
(כ׳בין דאָרט געווען צו גאַסט אַ צײַט.)
דעם טאַטנס מאַמע רופט מען בובעשי.
זי וווינט אין וואַרשע ערגעץ ווײַט...

דער מאַמעס טאַטן רופט מען זיידעלע.
כ׳בין דאָרט געווען צו גאַסט אַ צײַט.
דעם טאַטנס טאַטע רופט מען זײַדעשי.
(איך האָב געטראַכט, ער איז פון זײַד.)

ווו זענט איר, סאַמעטענע, זײַדענע,
ווו זענט איר, טײַערע, אַצינד?
די באַבינקע, איר קלייד אין קעסטעלער
געדענקט נאָך עד־היום דאָס קינד.

נאָר פון דער בובעשי, פון זײַדעשי
איך האָב אַפילו ניט קיין בילד.
אין יענעם אויסדוכט אין דעם זײַדענעם
בין איך ביז הײַנט נאָך אײַנגעהילט...

1986

# אַ קעפּל קרויט

♦

קיין זאַך גייט אויף דער וועלט ניט פֿאַרלאָרן.
ס'ווערט געענדערט און לעבט אויף ווידער.
פֿון דעם בוים איז אַ שרײַבטיש געוואָרן,
זינגען אַרויס פֿון אים העפֿטן מיט לידער.

פֿון די שופֿלאָדן, ווי פֿון די נעסטן,
זיי צעפֿליִען זיך איבער לענדער...
און צו רוען געפֿעלט זיי אַמבעסטן
צווישן בלעטער... געבונדן אין בענדער.

מיר, דעם מענטשן, אַז ס'וועלן דעררעסן
בענדער און לענדער און לידער און טישן,
וועל איך אַלצדינג אויף ס'נײַ פֿאַרגעסן
און כ'וועל ווערן אָדם הראשון!

1981

## דער מים

אַ מים —
דאָס הייסט ניט אַז ער האָט אַ מום, —
אַז ער איז שטום.
ער האָט ווי יעדער מענטש אַ שטים.
נאָר ווען ער טוט אַ ריר זיך צו אַ קרים,
פֿאַרשטייען מיר אָן ווערטער אים. —
אין דעם באַשטייט דער כּוח פֿונעם מים.
דאָס איז באַוווּסט פֿון לאַנג און אומעטום.

1986

## גערעטעניש

ס׳האָט זיך געענדיקט בײַ מיר דאָס פּאַפּיר —
האָב איך פֿאַרשריבן די ווענט און די טיר.
האָב איך פֿאַרשריבן די טרעפּ און דעם ברוק.
שרײַען די דורכגייערס: — טוט נאָר אַ קוק,
זי וועט אַלץ שרײַבן און שרײַבן און שרײַבן —
באַלד וועט קיין אָרט אויף צו אומגיין ניט בלײַבן...

1986

## צו ביסלעך

כ׳האָב איינגעביסן אַן עפּל אַ זויערן.
ס׳איז די זויערקייט אַזש פאַרגאַנגען אין די אויערן...
דער צווייטער ביס
איז שוין געווען זויער־זיס.
ביז אַט אַזוי צו ביסלעך
האָט מיר דער עפּל אויסגעדוכט שוין זיסלעך.

1983

## שטילקייט

יעדע זײַט פֿון מײַן דירה
האָט אַרײַנשרײַערס אירע.
הינטער דעם שלאָפֿצימערס שויבן
שלוכצן די טויבן.
פֿון קיכזײַט די שפּערעלעך
טומלען געפּערלעך.
און אין צימער אין גרויסן —
די קינדער פֿון דרויסן.

קום איך אין וואַשצימער,
כ׳מאַך צו די טיר,
איז מיר מחיהדיק שטיל
הינטער איר.
כ׳טוליע זיך צו
צו דער וואַנט מיטן שלייף.
כ׳האָב דאָ אַ שפּיגל,
אַ האַנטעך און זייף...

דאַרף מען אַ טראַכט טאָן,
אפשר וואָלט לוינען
דאָ אין דעם וואַשצימער
טאַקע צו וווינען?

1983

## טרעפּ

אַלע מײַנע שכנים האָבן דירות.
אָבער זיי פֿאַרברענגען אויף די טרעפּ.
איינע זיצט דאָרט מיט די קינדער אירע,
וויגט זיי, מוסרט זיי און גיט זיי קלעפּ,

און אַ צווייטע מיט אַ דריטער פּלאַפּלט —
יעדע שטייט פֿון דרויסן בײַ איר טיר —
און די פּערטע אויף די טרעפּ איז זיך מטפּל
מיטן בחור וועלכער קומט צו איר.

הײַנט די יינגלעך! ס'איז פֿון אַלץ זיי ליבער
העפּען איבער שטיגן ווי די בעק.
דורך די שטאָקן שרײַען זיי זיך איבער,
פֿײַפֿן, גוואַלדעווען — אַ שרעק!

אוי די טרעפּ! זיי מעגן זײַן די שענסטע,
וואָלט איך אָפּגעהאַקט פֿון יעדן הויז.
זאָלן מענטשן קריכן דורך די פֿענצטער
ביז די ווילדקייט וועט פֿון זיי אַרויס.

1983

## אין אַ פרײַען טאָג

צי זאָל איך ליגן אַ ביסל שפּעטער,
צי אויפשטיין גלײַך, ווײַל שיין איז דאָס וועטער?
און אויב שוין אויפשטיין, איז ווי זיך פירן? —
בלײַבן אין שטוב צי גיין שפּאַצירן?

און אויב שפּאַצירן, איז ווו און מיט וועמען?
און אויב אין שטוב — מיט וואָס זיך פאַרנעמען?
צי אפשר גאָר זיך לאָזן אין וועג
אין עפּעס אַן אָרט אויף עטלעכע טעג?

איך האָב באַקאַנטע דאָ און דאָרט.
ווו זאָל איך פאָרן, אין וועלכן אָרט?
צי אפשר פון אָרט ניט טאָן זיך קיין ריר,
ווײַל יענע באַקאַנטע גראָד אײַלן צו מיר?

און ביז איך וואַרט, נעמט דער טאָג פאַרגיין,
און ס'איז שוין דאָס וועטער ניט אַזוי שיין.
נו וועל איך... מײַן שכנה קלאַפּט מיר אָן —
צי האָב איך באַצאָלט פאַרן טעלעפאָן,

און וויפל מאַכט עס. ווײַל ס'דאַכט זיך איר אויס,
אַז דאָס מאָל איז עפּעס איר חשבון צו גרויס...

— אַנטשולדיקט! באַהאַלט ביז מאָרגן דעם פּתק —
איך אײַל משוגענערווײַז, איך פאַרשפּעטיק!...

1984

## קינדערײַ

גייען קינדערלעך שפּאַצירן —
איינער, צוויי און דרײַ...
אפשר לאָמיר גיין אין פירן? —
ס׳איז אַ קינדערײַ!

מיך אין שפּיל וועט מען ניט נעמען.
ס׳איז מײַן צײַט פאַרבײַ.
זיי וועלן זיך נאָר פאַרשעמען
פון מײַן קינדערײַ.

נאָר מיט זיי אין די געדאַנקען
בין איך סײַ ווי סײַ —
קיינער ווייסט ניט, גאָט צו דאַנקען,
פון מײַן קינדערײַ.

1984

## מיַינע שיך

האָבן טענות מיַינע שיך
הלמאי איך גיי ניט גיך.
זיי באַהויפּטן אַז איך גיי ניט,
נאָר איך קריך...

זאָג איך: — איך בין שולדיק? איך?!
ווינציק וואָס איך דאַרף איַיך טראָגן,
ווילט איר נאָך איך זאָל זיך יאָגן...
אפשר ווילט איר גיין אַליין?
לאָמיר זען ווי איר וועט גיין...

ווילן זיי ניט. כ׳האָב אַ סימן,
וויַיל זיי הייבן אָן זיך קרימען...

1983

## דער ווינטער־מאַנטל

האָב איך אַ מאַנטל — אויך מיר אַ מאַנטל! —
כ׳בין ניט געוווינט צו אַזאַ עלעגאַנטן...

אמת, אַ וואַרעמער, אָבער אַ גרינגער.
אויך מיר אַ קראַגן! די ברייט פון צוויי פינגער...

איך בין געוווינט, אַז אַ מאַנטל דאַרף וועגן,
ווינטער זאָל שווער זײַן אין אים זיך באַוועגן.

זײַן אויף אַן אונטערשלאַק זאָל ער אַ שטאַרקן,
שטיין זאָל דער קאָלנער אויף אים ווי אַ פּאַרקן.

דאָס איז, פאַרשטייט איך, אַן אמתער מאַנטל,
וואָס מע פלעגט טראָגן אין יעניקע קאַנטן!

ער האָט געדריקט צו דער ערד. כאָטש געמינטערט
האָט דער געשמאַקער, דער פראָסטיקער ווינטער.

1985

## צײַטונג־בלעטער

כ׳פֿאַל שווין ממש אויפֿן נאָז...
כ׳לייג די צײַטונג אָפּ אויף שפּעטער.
ביז איך דרעמל אויפֿן גראָז
מישט דער ווינט די צײַטונג־בלעטער.

רק ער נישטערט און ער זוכט —
מאָדנע בלעטער, ניט קיין גרינע...
נאָר פֿון דעסטוועגן די פֿרוכט
וויל ער דאָרטן אויסגעפֿינען.

זאָג איך צו דעם ווינט אַזוי:
— פֿרוכטן אין די צײַטונג־בלעטער?!
ס׳איז פֿאַלאָווע דאָרט און שטרוי,
ס׳בײַט זיך יעדע שעה דער וועטער...

כ׳בין געשלאָפֿן שווין כּמעט,
קען איך אויף געניו ניט זאָגן. —
ס׳דוכט מיר, ס׳האָט דער ווינט איין בלאַט
אַזש צום מיסטקאַסטן פֿאַרטראָגן...

1983

## וואַסער וואָרט?

פליט אַ פויגל אום איבער די צימערן,
זײַנע װוּנדער־שײנע פליגלען שימערן.

האָב איך מורא אַט דעם נס צו פּאַטערן,
זיץ איך שטיל און לאָז אים פרײַ דאָ פלאַטערן.

זעצט ער צו זיך אויף מײַן העפט דעם אָפּענעם,
טוט אַ פּיק אַ וואָרט דאָרט אין אַ סטראָפעלע

און ער פליט אַוועק. מער קומען וועט ער נישט...
בלײַבט אויף שטענדיק שוין פאַר מיר אַ רעטעניש —

וואָסער וואָרט ניט אויף אַן אָרט האָב איך אַוועקגעשטעלט,
און דער פויגל וועט צעטראָגן עס איבער דער וועלט.

1986

## מיר ווילט זיך ניט שרײַבן

מיר ווילט זיך ניט שרײַבן,
מיר ווילט זיך ניט שרײַבן!
פאַראַן טויזנט מיטלען
די צײַט צו פאַרטרײַבן.

כ׳וועל לייגן זיך שלאָפן,
דערנאָך גיין שפּאַצירן,
מיט שכנים מיט נײַע
באַקאַנטשאַפט פאַרפירן,

אַ קלייד זיך פאַרריכטן,
די צימערן ראַמען,
צי גרייטן מײַן חברטעס קינד
צום עקזאַמען.

נאָר כ׳קאָן דאָך ניט פאַרט
זיך צערײַסן אויף שטיקער!
פון וואָס זאָל איך אָנהייבן?
דאָס איז דער עיקר!

מיר ווילט זיך ניט שלאָפן,
און אויך ניט שפּאַצירן.
אַ מוז — מיט די שכנים
באַקאַנטשאַפט פאַרפירן?

גערֹאַמט האָב איך נעכטן,
און נייען כ׳וועל מאָרגן.
עס דרעמלט אין האַרצן
אַ חשק פֿאַרבאָרגן.

צו וואָס כ׳זאָל פֿון זיך
דעם פֿאַרלאַנג מײַנעם טרײַבן,
אַז ס׳ווילט זיך מיר איינס נאָר —
בלויז שרײַבן און שרײַבן!

1986

# שטאָטבילדל

אַ מיידל שטייט אין שויפענצטער
און פעסטיקט צו די פּרײַזן
צו זאַכן טויטע, נאַרישע.
וואָס דאַרף מען זיי גאָר ווײַזן?!

ווי שיין זײַנען ביי איר די האָר,
דער האַלדז, דער בייג פון רוקן!
דאָס מיידל גייט אַוועק. ס'איז מער
ניטאָ אויף וואָס צו קוקן.

1983

# אַ קעפּל קרויט

וואָס טראַכט אַ קעפּל קרויט אין פעלד,
ווען ס׳ליגט דאָרט אומבאַוועגלעך? —
דאָס ווייסט ניט קיינער אין דער וועלט,
ווײַל וויסן איז אוממעגלעך.

נו יאָ, וואָס טראַכט אַ קעפּל קרויט?
אַ קעפּל מוז דאָך קלערן!
כאָטש אַנדערש איז זײַן קאָפּ געבויט,
ניטאָ בײַ אים קיין שטערן!

אַ קאָפּ זאָל אָן אַ שטערן זײַן?! —
איר קאָנט אַזוינס באַנעמען?..
דאָך איז דאָס קעפּל שיין און פײַן
און מעג זיך גאָר ניט שעמען.

אײַ וואָס עס טראַכט דאָרט? — ווייס איך וואָס!
עס ווייסט דען וואָס מיר קלערן?
און האָט פון דעם ניט קיין פאַרדראָס.
נו האָט שוין יאָ זײַן באַלעבאָס
אַ קאָפּ און אויך אַ שטערן...

1985

## ביבער־טרערן

ווען מע שלאָפֿט אין אַלע שטיבער,
נאָר בײַ מיר דאָס פֿענצטער לויכט,
קומט צו מיר צו פֿוס אַ ביבער
פֿון אַ טײַך אַרויסגעטויכט.

און ער וויינט מיט ביבער־טרערן,
אַז ער שלאָפֿט ניט גאַנצע נעכט, —
ער איז גרייט פֿאַר מיר זיך שווערן,
אַז עס איז אין טײַך אים שלעכט.

ביימער אַרום אים ניטאָ מער
און עס ווערט דאָס וואַסער פֿלאַך...
וויינט דער ביבער, וויינט און יאָמערט
אַט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט.

אָבער דאָ איז אים צו טרוקן,
און ער שטיקט זיך, און ער פֿרײַכט,
און... ער לויפֿט צוריק זיך טוקן
אין דעם אויסגעפֿלאַכטן טײַך...

1986

## ווי...

איבערציילן מײַנע נײַע לידער וואָלט ניט שטערן. —
הונדערט דרײַסיק נײַע לידער ווי די בערן!

הונדערט דרײַסיק — פּאָר צוויי יאָר געשאַפֿן,
ברייט צעלייגט אין העפטן ווי די גראַפֿן.

איך וואָלט שיקן זיי איבער דער וועלט דער גאָרער —
דאַרפֿן זיי צו דעם דאָך ווערן ווי די שנאָרער.

טראַכט איך מיר: צו וואָס זאָל עס מיר טויגן,
אַז איך קאָן מײַן ליד ניט לאָזן ווי אַ פֿויגל

צו די אָפּגעראַטעוועטע פֿונעם פֿײַער —
די, בײַ וועמען ס'איז מײַן ייִדיש ווי אַ מאַמע טײַער...

1986

## ווענן גראַמען

לאָמיר ריידן וועגן גראַמען!
ווייסט איר כאָטש אַז טויזנט טעמען
האָט אַ גראַם וואָס איז געשמידט
חצי־ייִדיש, האַלב־עברית?

אָט דאָס וואָרט למשל **חידוש**.
איידער גראַמען אים מיט **קידוש**
בעסער גראַמען עס מיט **ייִדיש**.
טײַלמאָל איז אויך זייער פֿײַן
ווען, ווי אַ ראָזשינקע דערײַן,
אַ סלאַוויזם פֿאַלט אַרײַן.

קודם־כּל זאָל זײַן דאָס וואָרט
אין דער צײַט און אויפֿן אָרט!

פּרוּווט ניט קיין מאָל גראַמען, הערט איר,
פּרעמדע, אויסלענדישע ווערטער,
פֿון די ווערטער זײַט געהיט,
מײַדט זיי אויס אין אײַער ליד!

דעמאָנסטראַציע, מעדיטאַציע,
גראַציע, ראַציע, אָבסערוואַציע
און פֿיל נאָך זײַנען פֿאַראַנען —
לאָזט זיי פֿאַר די גראַפֿאָמאַנען!

1986

## דער קראָקאָדיל בײַ ייִדן

אויף רוסיש איז קראָקאָדיל
און אויף ייִדיש איז קראָקאָדיל!
בײַ ייִדן דער קראָקאָדיל
דאַרף זיך אויפפירן, מײַן איך, שטיל.

ווײַל בײַ אונדז אין ירדן דעם טײַך
איז זיך אויסציִען אים ניט לײַכט.
און אים אויספּיקן צווישן די ציין,
אויף אַן אַרבעט אַזאַ, אָ ניין!
וועט אַ ייִדישער פויגל ניט גיין.
אָט אַ ציינשטעכער, אויב ער וויל,
קען באַקומען דער קראָקאָדיל.

איז ער מוחל די טובות און שרײַט,
אַז ביי ייִדן איז ניט ווי בײַ לײַט,
אַז ס'איז ירדן פאַר אים ניט קיין טײַך, —
מע זאָל נילוס דערלאַנגען אים גלײַך!
און ער סטראַשעט די גענדז אַז אויב ניט,
וועט ער ווערן אַן אַנטיסעמיט.

1986

## שפּעט אַצינד

די וועלט איז גרויס און אַלץ וויל לעבן.
און אויב ניט לעבן, איז כאָטש וואַקסן
און אויב ניט וואַקסן, איז כאָטש זײַן.
נאָר אחדות דרינגט ניט פֿון דערײַן.

די מילבן קענען ניט די שפּינען,
די שפּינען קענען ניט די פֿייגל,
די פֿייגל קענען ניט די ציגן,
די ציגן קענען ניט די הינט —
צעווישן זיך זיי גאָרניט בינדט.

די זשוקעס קענען ניט די קרעפּסן,
די קרעפּסן קענען ניט די שטעכלערס,
די שטעכלערס קענען ניט די שעפּסן,
די שעפּסן קענען ניט די קעץ.
ס׳לעבט יעדער מין מיט זײַן געזעץ.

די שפּרינגערס קענען ניט די פֿליגן,
די פֿליגן קענען ניט די רויפּן,
די רויפּן קענען ניט די האָזן,
די האָזן קענען ניט די פֿיש. —
איין מין צום צווייטן זיך ניט מישט.

און דאָס איז נאָך ניט אַזוי שלעכט
ווי אָט דער קאַמף דורך טעג און נעכט:
די פֿייגל שלינגען איין די פֿליגן,
די הינט זיך יאָגן נאָך די פֿייגל,
די קעץ זיך שלאָגן מיט די הינט.
אַלץ איבערמאַכן? — שפּעט אַצינד!

1984

# איך גיי אַוועק אַליין

ווו איך קום ניט, גיי איך מיט!
ווו איך גיי ניט — מײַנע טריט!
איך אַנטלויף — נאָר ניט פון זיך...
אַלצדינג זע איך דורך מײַן "איך".

איבערראַשט האָט עפּעס מיך,
זאָג איך: איך בין אויסער זיך! —
ס'איז אַזאַ מין אויסדרוק בלויז.
קען איך דען פון זיך אַרויס?

הייבט מיך אָן די זאַך פאַרדריסן,
ווייל איך מער פון זיך ניט וויסן,
לאָז איך זיך אין דרויסן שטיין,
און איך גיי אַוועק אַליין...

1984

## אומשטערבלעכקייט

ווען איך וואָלט געשריבן
ווי אין אוראַלט, אויף ליימענע שערבלעך,
וואָלט עפּעס פון מיר געבליבן,
כ׳וואָלט אפשר ווערן אומשטערבלעך.

נאָר אַזוי איז די וואָר:
איך לעב איינמאָליק,
ווײַל ס׳ליגן מיר יִדישע לידער אין זינען.
איבער וויפל דאָרט יאָר
וועט דער געאָלאָג
גאָרנישט געפינען...

וועל איך נעמען אַ ליימענעם קריגל
און אויסקריצן אויף אים אַ צייכן
כּדי האָבן דעם פאַרגעניגן
די אומשטערבלעכקייט צו דערגרייכן.

1985

## אויף איין גראַם

### בינען

די בינען
האָבן פאַרלאָזן דעם בינשטאָק באַגינען.
ווער זשע וועט איצט האָבן אין זינען
די מוטערבין צו באַדינען?

### אַ פליג

אַ פליג האָט געזאָגט אַ ליגן,
אַז זי קאָן די גאַנצע וועלט באַזיגן.
האָט עס די וועלט פאַרשוויגן.
די וועלט וועט ניט גיין מיט אַ פליג זיך קריגן.

### די גריל

די גריל
באַהאַלט זיך ווו זי וויל
און פירט דערנאָך אַ שפּיל:
זינגט און ווערט שטיל,
זינגט און ווערט שטיל,
זינגט
און ווערט שטיל...

1983

## מײַן ייִדיש

שירה איז אין ייִדיש אײַנגעגלידערט.
אירע גלידער זײַנען דורכגעלידערט. —
זינג איך ווידער אַלץ און ווידער.

און די גראַמען — טיף אין מאַמע־לשון,
קיין מאָל קלינגען זיי ניט אויסגעדראָשן,
ס׳ווערט דער חן פון זיי ניט אויסגעלאָשן.

און פון וואַנען נעמט זיך דען דער ריטעם,
וואָס איז דורכגעפריידט און דורכגעליטן? —
מײַן ווילקלינגעוודיקער ייִדיש גיט אים!

קיינער גלײַכגילטיק זאָל ניט פאַרבײַגיין!
שורות, סטראָפן — פּירות אויף די צווײַגן
בעטן זיך אַז ייִדיש זאָל ניט שווײַגן.

1983

# אַמאַנימען און אַפאָריזמען

## אַמאַנימען

אָ, דער פרילינג־חודש אָדר! —
ס'קאָכט מײַן בלוט אין יעדן אָדער.
גיב אַן ענטפער: אָדער — אָדער...

♦

גוט איז גיין צו פוס. נאָר פאָרט
קומט מען גיכער ווען מע פאָרט.

♦

יעדער פשט און יעדער דין
לאָזט זיך טײַטשן זייער דין.

♦

ווערט ניט מיאוס דעם ווינקלשטיין
שטענדיק אין אַ ווינקל שטיין?

♦

זאָגט מיר, וואָס איז מערער שווער —
זײַן אַ שוויגער צי אַ שווער?

♦

ס'קאָן זיך טרעפן, אויך אַ גרײַז
זאָל באַגיין אַ גראָבן גרײַז.

♦

האָבן טעכטער, האָבן זין
האָט געוויס אַ גרויסן זין.

♦

ווען ער איז אַראָפּ פֿון דריטן שטאָק,
אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זײַן שטאָק,
איז געווען שטאָק נאַכט.

♦

יעדער שפּאָגל נײַער לידער
זינגט פֿון אָנהייב שיינע לידער.

## אַפּאָריזמען

♦

אַז מע האָט ניט קיין קאָפּ, וואָס פּאַר אַ פּנים קאָן מען שוין האָבן!

♦

דעם מענטשנס לעבן באַשטייט דורכויס פון טאָן און פון וואַרטן. אַלט ווערט מען פון וואַרטן און ניט פון טאָן.

♦

אַ שווער לעבן, און האַלט זיך אויף אַ האָר!

♦

אויב דו האָסט זיך צוגעוווינט צו דיינע קרענק, מעגסטו זיך האַלטן פאַר אַ געזונטן.

♦

ווען דעם מענטשן איז ניט שלעכט, האָט ער ניט קיין אַנונג ווי גוט איז אים!

♦

ניטאָ אַזאַ אידיי אויף דער וועלט, וואָס די נאָכפאָלגערס זאָלן זי ניט פאַרקריפּלען.

♦

דער חזיר האָט כשר פאַרדינט אַז מע זאָל אים האַלטן פאַר טרייף.

♦

אויב דו ווילסט ניט אָנווערן קיין פריינד, פּרוּוו זיי ניט אויס.

♦
געבאָרן ווערן — דאָס איז אַ צופעליקייט. אָבער שטאַרבן — דאָס איז אַ געזעצמעסיקייט.

♦
באַקלאָג זיך ניט אַז דיר טוט ווי אַ פּיאַטע פּאַר אַ מענטשן וואָס האָט ניט קיין פיס.

♦
פאַראַן מענטשן וואָס שאַפן די צײַט. און פאַראַן מענטשן וואָס די צײַט שאַפט זיי.

♦
קוקט ניט אויף מײַן מעטריקע! ווען איך בין געבוירן געוואָרן, האָט מען מיך פאַרשריבן לויט מײַן אויסזען, און איך האָב אויסגעזען אַ סך עלטער...

♦
ווען ער וואָלט וויסן ווי ער איז באַרימט געוואָרן נאָך זײַן טויט, וואָלט אים צוקומען אַ שטיק געזונט.

♦
אַפילו די קראָען אין רוסלאַנד ריידן איצט העברעיִש. זיי שרײַען: "קר, קר!"

✶

אַ טויבן איז גוט צו לויבן —
ער ווערט די נאָז ניט פאַרהויבן.

*

ווי ס'זאָל טעמפּ ניט זײַן דער מעסער,
שנײַדט ער פון אַ לעפל בעסער.

*

ייִדן אין האַרטע קאַפּעליושן
ריידן צווישן זיך אויף "מאַמע־ליושן".

## ביכער פון זעלבן מחבר

**אַרויסגעגעבן אין ישראל:**

**אויסגעבענקט**, לידער, פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, 1972

**אַמאָל איז געווען אַ העלפאַנד**, מעשהלעך פאַר קליין און גרויס, פאַרלאַג י.ל. פרץ, 1972

**חמשים אגדה ואגדה**, מעשהלעך, הוצאת הקיבוץ המאוחד ואגודת הסופרים, 1973

**אויסגעוויילטע לידער** (אין רוסיש), ירושלים, 1976

**פון ליד צו ליד**, לידער־זאַמלונג, פאַרלאַג "אייגנס", ירושלים, 1977

**דרײַ העפטן**, לידער, פאַרלאַג "אייגנס", ירושלים, 1979

**אַליין דאָס לעבן**, לידער־זאַמלונג, אַרויסגעגעבן דורך דעם ד"ר שמואל און רבקה הורוויץ־פאָנד, „אחוה", ירושלים, 1983

דאָס איז דאָס דרייצנטע בוך וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער סובווענץ פונעם ליטעראַטור־פאָנד א״נ פון ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ ז״ל ביי דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים.

דער ליטעראַטור־פאָנד איז עטאַבלירט צום אָנדענק פונעם געוועזענעם פאָרזיצער פון דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים, ד״ר שמואל הורוויץ און זיין פרוי רבקה, כדי צו העלפן ייִדישע שרייבערס אין ישׂראל אַרויסצוגעבן זייערע ווערק.

דער פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון יחידים און קערפּערשאַפטן אין קאַנאַדע און ישׂראל ווו שמואל און רבקה הורוויץ האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָלע אינעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַן אָנערקענונג קומט דעם הסתּדרות־קאַמפּיין אין טאָראָנטאָ (קאַנאַ־דע) און דעם פּאַראייניקטן ישׂראל־אַפּיל פון קאַנאַדע און דעם סאָגיע און בצלאל קאַסטנער־פאָנד א״נ מלך ראַוויטש, ביים י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, פאַר זייער אָנטייל אין דעם ליטעראַטור־פאָנד.

ביז איצט זענען דערשינען מיט דער סובווענץ פון הורוויץ־פאָנד די פאָלגנדיקע ביכער:

1977 — בלוט און וואָפן, דערציילונגען פון מאיר יעלין

1978 — דער פערציק־יעריקער מאַן, פּאָעמע פון פרץ מאַרקיש

1979 — שפּאַצירן אין דער נאַכט, לידער פון דוד ספאַרד

1980 — שמעטערלינגען שווערן, דערציילונגען פון קלמן סעגאַל

1981 — מיין וועג אַהיים, מעמואַרן פון אהרון ראָזין

1982 — דער חוב פון זכּרון, מעמואַרן פון חיים זיידמאַן
— גרינער ווינטער, מאַרקולעשט, לידער און פּאָעמען פון מאיר חרץ

1983 — בירָאָבידזשאַן פון דער נאָענט, זכרונות פון אסתּר ראָזענטאַל־שניידערמאַן
— אַליין דאָס לעבן, לידער פון רחל בוימוואָל

1984 — דער זאַמלער, ראָמאַן פון יאָסל בירשטיין.

1985 — ערב עיין, לידער פון פריד וויינינגער

1987 — פּערל פון גן־עדן, עסייען וועגן קונסט פון יצחק לודען

ייִדישע קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים